STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11974

DOS KENIGRAYKH

J. F. Rutherford

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס קעניגרייך

די האָפענונג פון דער וועלט

פון

י. פ. ראָטערפאָרד

ריכטער ראָטערפאָרדס ביכער זיינען פאַרשפּרייט אין איבער

110 מיליאָן עקזעמפּלאַרן

עטלאַכע פון זיינע פילאָזאָפישע שריפטן זיינען: גאָטס האַרף, באַפרייאונג, שאַפונג, דאָס שלום-מאַכן, רעגירונג, לעבן, נבואה, ליכט, און רעכטפאַרטיקונג.

The Kingdom, Yiddish
Made in U. S. A.
Copyright 1931

פאַרעפנטלאַכט פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבל-פאָרשער-פאַרייניקונג
(ניט-מיסיאָנערע אָרגאַניזאַציע)
ברוקלין, ניו-יאָרק, אמעריקע

אויך

לאָנדאָן, טאָראָנטאָ, סטרעטפילד, קייפ-טאון, בערן, מאַגדעבורג

The Watch Tower Bible & Tract Society
117 Adams St., Brooklyn, N.Y.

פאָרוואָרט

ד י ל ע צ ט ע ה אָ פ ע נ ו נ ג ! אין זייער גרעסטער נויט שטרעקן מענטשן אוים זייערע הענט נאָך איר, פונקט ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, וויל זיך אָנכאַפּן אָן א שטרוי. אָבער די מלוכה פון גאָט דורך משיחן איז ניט קיין שטרוי. דאָסדאָזיקע קעניגרייך וועט קיינמאָל ניט צעבראָכן ווערן, נייערט עס איז א זיכערער אָנהאַלט פאַרן מענטשן און איז אומבאַוועגלאך, אזוי ווי די אייביקע בערג. עס איז דאָס רעאַלסטע, וואָס קאָן נאָר זיין, דאָס איינציקע, וואָס קאָן העלפן דעם מענטשן; עס איז זיין א י נ צ י ק ע ה אָ פ ע נ ו נ ג !

לייענט דאָסדאָזיקע ביכל און ווערט באַקאַנט מיט אָט דער ווירקלאַכער און קומענדיקער מלוכה!

די אַרויסגעבער.

דאָס קעניגרייך

די האָפענונג פון דער וועלט

ווען די פעלקער און נאַציעס פון דער וועלט קומען צו אַ צושטאַנד, וואָס דראָט זייער עצם לעבן, איז דאַן די צייט צו באַטראַכטן די זאַך געלאַסן און מיט אַ קלאָרן געדאַנק, כדי צו זען, צי עס איז מעגלאַך אויסצוגעפינען די אורזאַך, וואָס זאָל פירן צו דער אמתער רפואה. אַנטזאַגן זיך צו באַטראַכטן און עפנטלאַך צו באַשפּרעכן דעמדאָזיקן שרעקלאַכן צושטאַנד, מורא האָבנדיק צו פאַראורזאַכן מיינונג־פאַרשידנקייט, וואָלט געווען ערגער ווי נאַרישקייט.

דער אמת קאָן ניט ווערן באַקעמפט און אָפּגעלייקנט פון אויפריכטיקע מענטשן. דער אמת אַנטפּלעקט דאָס, וואָס דאָס פאָלק נויטיקט זיך צו וויסן.

די פעלקער פון דער וועלט נויטיקן זיך זייער צו וויסן איצט דעם אמת. די ראַדיאָ איז איינע פון די אופנים, וואָס גאָט האָט צוגעגרייט, כדי צו ברענגען דעם אמת צו די מענטשן; דערפאַר דאַרף יעדע ראַדיאָ־סטאַנציע אין דער וועלט שטרעבן צו ברענגען דעם פאָלק דעם אמת אין דער איצט זייער ערנסטער צייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַמעריקע איז זייער אַ שלעכטע, און אַן ענלאַכע נויטלאַגע הערשט אומעטום אין אַלע קריסטלאַכע לענדער, פאַקטיש, אין דער גאַנצער וועלט. אַ מינדערהייט איז געוואָרן זייער רייך, אָבער די צאָל פון די אָרעמע מענטשן ווערט אומעטום גרעסער און גרעסער. מען טענהט, אַז שפּייז און קליידער ווערן פּראָדוצירט מער ווי

געגוג, אָבער אין דערזועלביקער צייט הונגערן מיליאָנען מענטשן און ליידן מאַנגל אין די נויטיקע קליידער.

די פּאָליטישע לאַגע איז זייער שלעכט איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז ניטאָ קיין שום רעגירונג און קיין איינציקע נאַציע, וואָס פילט זיך איצט זיכער און באַשיצט, און קיין איינע פון זיי איז ניט פייאיק צו פאַרענטפערן די פאַרוויקלטע און פאַרגרייזטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך זיי אַנטקעגן געשטעלט. כמעט אַלע מאָנאַרכיעס פון דער וועלט זיינען פאַרניכט געוואָרן, אָבער די דעמאָקראַטיע איז איצט נאָך אומזיכערער ווי פאַר דעם וועלטקריג.

די מאָראַלישע לאַגע איז אויך זייער אַ שלעכטע. פאַרברעכנס פאַרמערן זיך, הויפּטזאַכלאַך אין די אַזוי־גערופענע „קריסטלאַכע" לענדער, און פילע פרויען און אפילו אַ סך פון דער יוגנט זיינען געפאַלן אַ סך טיפער איידער דער דערנידעריקטער טייל מענער. מורא, פּלאָנטער און צעטומלטקייט איז באַפאַלן אַלע מענטשן, און קיין איינציקער פילט זיך איצט ניט זיכער מיט זיין היים, אייגנטום, געזונט אָדער לעבן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, ווער עס איז דער אַממייניסטן פאַראַנטוואָרטלאַכער פאַר דערדאָזיקער אומגליקלאַכער לאַגע, בלייבט אָבער דער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די טעטיקייט פון פופצן יאָרהונדערטער פון דעם אַזוי־גערופענעם „אָרגאַניזירטן קריסטנטום", האָט ניט אויפגעהויבן די מענטשהייט פון איר געפאַלענעם צושטאַנד און ניט געגעבן די מענטשן עפּעס אַ האָפענונג.

די פירער און דאָס פאָלק אין אַלע נאַציעס, וואָס רופן זיך „קריסטלאַכע", האָבן באַהויפּט אין זייער גלויבן, אַז יהוה איז גאָט, און זיי האָבן געטענהט, אַז זיי גלויבן אין דער ביבל אַלס גאָטס וואָרט און אין ישוען המשיח אַלס דעם דערלייזער פון דעם מענטשן. די פאָלגנדיקע אָפענע פראַגע ווערט איצט געשטעלט די הערשער און דעם פאָלק: איז דידאָזיקע טענה אַן אמתדיקע און אַן אויפריכטיקע? ישוע האָט מיט אַבסאָלוטער אוטאָריטעט געזאָגט וועגן גאָטס תנ"ך: „דיין וואָרט איז אמת." אויב מיר גלויבן, אַז יהוה איז דער

אמתער גאָט, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר נאָך לענגער צייגערן צווישן זיין וואָרט און די מיינונגען און טעאָריעס פון אומפּולקאָמענע מענטשן? דערפאַר לאָד איך דרינגענדיק איין די הערשער און דאָס פאָלק צו באַטראַכטן פאָרזיכטיק די הייליקע שריפט אין ליכט פון די פּאַסירונגען פון דער איצטיקער צייט, ווייל אין דער ביבל געפינען מיר די פולשטענדיקע אויפקלערונג וועגן דער אורזאַך פון דער וועלטנויט, און אויך געפינען מיר דאָרטן דייטלאַך דערקלערט, וואָס איז די איינציקע האָפענונג פון דער ישועה און באַפרייאונג פונם מענטשן.

יהוה, דער גאָט פונם תנ״ך, איז דער איינציקער אמתער גאָט. ער איז דער קוואַל פון לעבן. מיט אַ סך יאָרהונדערטער צוריק האָט ער געגעבן זיין וואָרט פון הבטחה און האָט צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועט קומען זיין צייט, וועט ער איינפירן אַ רעגירונג, וואָס וועט רעגירן די וועלט מיט גערעכטיקייט, און אַז אונטער דערדאָזיקער הערשאַפט וועלן די רייכע און די אָרעמע, די שטאַרקע און די שוואַכע, די אידן און די גויים, די געבונדענע און די פרייע, — אַלע וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו דערגרייכן די ברכות פון פרייהייט, רייכטום, גליק און אייביקן לעבן. (בראשית כ״ב:18; ישעיה ט׳:6, 7.) אַזוי ווי דערדאָזיקער פאַרשפּרעך איז אמת, מוז דערפאַר קומען דער טאָג, ווען די באַפעלקערונג פון דער ערד וועט וויסן, אַז עס איז געקומען די צייט איינצופירן גאָטס מלוכה אָדער רעגירונג און אַז עס הייבן זיך אָן די ברכות פאַרן פאָלק.

דער שטן, דער טייוול, איז פאַר אַ לאַנגער צייט געוועזן דער אומזעבאַרער הערשער פון דער וועלט. ער איז דער שונא אָדער קעגנער פון דעם אמתן גאָט און דער גרעסטער פיינד פון די מענטשן. ער האָט זיי אַראָפּגעצויגן צו אַ צושטאַנד פון דערניידערונג, כדי זיי אַלע אָפּצואָפּוועגדן פון יהוה גאָט. געוויס וואָלט גאָט געקאָנט, שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, אָפּהאַלטן אָדער טויטן דעם שטן, נאָר גאָטס פולקאָמע חכמה האָט אָנגעמאַרקירט אַן אַנדערן וועג. ער האָט צוערשט געשיקט ישוען אויף דער ערד, כדי צוגרייטן די אויסלייזונג פון דער מענטשהייט; און דאָס האָט ישוע געטאָן, ווען ער האָט

פאַרגאָסן זיין בלוט און אָפּגעגעבן זיין לעבן אַלס אַ קרבן אויף גלגתא.

ווען דער אַלמעכטיקער האָט דערוועקט ישוען פון טויט און האָט אים געבראַכט אין הימל, האָט ער געזאָגט צו אים, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין תהלים ק״י, אַז ער זאָל וואַרטן ביז גאָטס באַשטימטע צייט וועט קומען אָראָפּצושלייַדערן דעם שונא, דעם שטן, און איינפירן די גערעכטע ממשלה אויף דער ערד. אין דערדאָזיקער צייט פון וואַרטן האָט גאָט אויסגעקליבן פון דער מענטשהייט אַ פאָלק פאַר זיין הייליקן נאָמען.

אין דערזעלביקער צייט האָט גאָט דערלויבט די פעלקער פון דער ערד צו פּרובירן אויספאָרמירן ווינטשנסווערטיקע רעגירונגען. די נאַציעס, וואָס רופן זיך „קריסטלאַכע״, האָבן זיך געאייניקט און זיך אונטערגענומען דורכצופירן דידאָזיקע זאַך. זיי האָבן אויך איינגעשטימט אָנצונעמען די ביבל אַלס זייער לערע, און אין פאַרלויף פון די לעצטע פופצן יאָרהונדערטער האָבן זיי אויפגעבויט פאַרשידענע רעגירונגען און האָבן באַהויפּט, אַז דידאָזיקע רעגירונגען הערשן אויף דער ערד אַלס גאָטס פאַרטרעטער. דער אמת אָבער איז, אַז די אַלע נאַציעס האָבן גאָר פאַרגעסן אָן גאָט; זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים און זיי זיינען אונטערגעפאַלן אין גאַנצן אונטער דעם איינפלוס פון שטן, גאָטס שונא.

אין יאָר 1914 האָט זיך געענדיקט די פון גאָט באַשטימטע צייט פון וואַרטן. פריער פאַר דערדאָזיקער צייט האָט דער שטן, דער אומזעבאַרער הערשער איבער די מענטשן, געקאָנט געוועלטיקן אָן אָפּהאַלט. נאָר ווען עס איז געקומען גאָטס צייט, האָט ער פאָרויסגעשיקט ישוען המשיח צו זיין דער מלך פון דער וועלט, און ער האָט אים דערהויבן אויפן כסא־מלוכה, דעם טראָן פון פולמאַכט. (תהלים ב׳:6) אין איינקלאַנג מיט די ווערטער פון גאָט אין דער אַנטפּלעקונג און מיט די אַנדערע טיילן פון די כתבי הקדש איז גלייך דערנאָך געוואָרן אַ מלחמה אין הימל, צווישן משיחן און זיינע מלאכים אויף איין זייט, און דעם שטן און זיינע מלאכים אויף דער אַנדערער זייט. ווען יענער קאַמף האָט זיך גע־

ענדיקט, איז שוין דער שטן געווען אַראָפּגעשליידערט פונם הימל אויף דער ערד; און פון דאַמאָלסט אָן ביז איצט איז די טעטיקייט פון אשמדאי אויף דער ערד באַשרענקט. איר וואונדערט זיך פאַרוואָס די עקאָנאָמישע לאַגע און די פּאָליטישע און מאָראַלישע צושטאַנדן זיינען היינט אַזוי שרעקלאַך און האַלטן אין ווערן ערגער און ערגער? דעם ענטפער געפינען מיר אין אַנטפּלעקונג י״ב:12 אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „ווי צו די באַוואוינער פון דער ערד און דעם ים; וואָרים דער שטן האָט צו אייך אַראָפּגענידערט, פול מיט גרויסן צאָרן, ווייל ער ווייס, אַז זיין צייט איז זייער קורץ.”

די מלחמה אינם הימל איז פאָרגעקומען אין יאָר 1914, און אין דעמזעלבן יאָר האָט דער שטן אַריינגעוואָרפן די נאַציעס פון דער „קריסטלאַכער” וועלט אין דעם גרויסן וועלטקריג. מען זאָל באַמערקן, אַז זינט דעם סוף פון דער מלחמה זיינען די אומשטענדן געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. שטנס אַרויסהעלפער ווארפן ליגנעריש אַרויף אויף גאָט די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר די אומגליקן און פאַרברעכנס, וואָס פּלאָגן איצט די נאַציעס און פעלקער. שטנס צוועק אין מאַכן דיזאָזיקע פאַלשע באַשולדיקונגען איז צו פאַראורזאַכן, אַז די מענטשן זאָלן שעלטן גאָט און זיך פון אים אָפּקערן. שטנס בייזער פּלאַן איז צו מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן ניט האָבן קיין אַכטונג ניט פאַר די הייליקע שריפט און ניט פאַרן אויטאָריטעט פון דער ביבל, און אַז זיי זאָלן דערוואַרטן הילף און באַפרייאונג בלויז פון דעם שטערבלאַכן מענטשן. אויף אַזא אופן נאַרט דער שטן אָפּ די מענטשהייט, און דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס עס ווערן געמאַכט ביי היינטיקן טאָג אָבזיכטלאַכע, אויסגערעכנטע אָנשטרענגונגען צו דיסקרעדיטירן די ביבל און צו האַלטן די מענטשן אין אומוויסנקייט וועגן אירע באַווייזן.

יהוהס מלוכה איז שוין געקומען. ער האָט אַרויפגעזעצט ישוען המשיח, דעם באַרעכטיקטן קעניג פון דער ערד, אויף זיין טראָן פון פולמאַכט. פאַרוואָס פאַרניכט ניט גאָט דעם שטן און זיין איינריכטונג און באַפרייט ניט דאָס פאָלק? דאָס איז אַקוראַט דאָס, וואָס גאָט וועט איינגיכן טאָן; אָבער איי־

דער ער וועט דאָסדאָזיקע טאָן, דאַרף פריער געטאָן ווערן נאָך אַן אַנדער זאַך, און די מענטשן מוזן איצט ווערן אינפאָרמירט וועגן דעם.

גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אַלס אַ באַשעפעניש מיט אַ פרייען ווילן און מיטן רעכט אויסצוקלייבן זיך דעם וועג, אויף וועלכן ער וויל זיך פאַרנעמען. אָבער קיין מענטש קאָן ניט דערוויילן דעם ריכטיקן וועג, אָן שום צוגעגרייטן וויסן. דער וועלטקריג האָט אויפגעהערט אין יאָר 1918, טאַקע צוליבן צוועק, אַז עס זאָל קאָנען געבראַכט ווערן די נאַציעס אַן עדות־באַווייז, כדי די מענטשן זאָלן אַזוינאָך קריגן אַ געלעגנהייט צו וויסן דעם וועג, אויף וועלכן זיי ווילן גיין; דאָס מיינט, זיך צו אַנטשיידן, צי ווילן זיי זיך שטעלן אויף דער זייט פון גאָט און זיין מלוכה פון גערעכטיקייט, אָדער צי ווילן זיי ווייטער זיך פאַרלאָזן אויף די שוואַכע אָנשטרענגונגען פון דעם שטערבלאַכן מענטשן. די וועלט־מלחמה, דער הונגער, די עפּידעמיעס און די גרויסע נויט, וואָס זיינען זינט 1914 באַפאַלן די פעלקער פון דער וועלט, באַווייזן קלאָר, אַז דער משיח איז ווידערגעקומען, און אַז זיין קעניגרייך איז דאָ.

צו די מענטשן, וואָס האָבן געזען און געגלויבט דידאָזיקע באַווייזן און האָבן זיך איבערגעגעבן צו יהוה גאָט, ווערט געגעבן דאָס פאָלגנדיקע געבאָט אין מתתיה כ״ד: 14: „דידאָזיקע בשורה טובה פון דעם קעניגרייך מוז געפּריידיקט ווערן אין דער גאַנצער וועלט פאַר אַ באַווייז צו אַלע פעלקער, און דערנאָך וועט קומען דער סוף”. „דידאָזיקע בשורה טובה” אָדער גוטער אָנזאָג מוז איצט ווערן אָנגעזאָגט דער „קריסטלאַכער” וועלט, כדי די מענטשן זאָלן קאָנען באַשליסן, צי זיי ווילן זיין אונטערטעניק צו גאָט און צו זיין מלוכה אונטער דעם משיחן. אין געהאָרכזאַמקייט מיט דעמדאָזיקן געבאָט, האָבן מענער און פרויען, מיט דער הילף פון ראַדיאָ און ביכער געבראַכט די בשורה פון דעם אמת, און דידאָזיקע שלוחים הערן ניט אויף צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף די אויבנדערמאָנטע פאַקטן טייל מענטשן האָבן דערהערט און זיך דערפרייט; אַנדערע דאַקעגן האָבן

זיי באַקעמפט און פאַרפאָלגט, און די גרויסע מאַסע מענטשן איז געבליבן גלייכגילטיק.

וואָרנונג

עס איז אויגנשיינלאַך, אַז אַן אוניווערסאַלע רעגירונג פון גערעכטיקייט וואָלט ניט געקאָנט עטאַבלירט ווערן אויף דער ערד, ביז וואַנעט דעם שטנס שרעקלאַכע מאַכט און זיין איינ־ריכטונג וועט ניט פאַרניכטעט ווערן. ביז וואַנעט פאַרברעכער וועלן ניט ווערן אינגאַנצן געצאַמט אָדער וועלן ווערן אויסגע־ראָטן, קאָן די מענטשהייט ניט זיין פריי פון פאַרברעכן און עס קאָן קיין זיכערקייט ניט זיין פאַר די, וואָס האָבן ליב גע־רעכטיקייט. ביז וואַנעט פּאָליטישע אומערלאַכקייט איז ניט אויסגעוואָרצלט, קאָן ניט זיין קיין גערעכטע רעגירונג. איידער עס וועט ניט אויפהערן די עקאָנאָמישע אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג אויף דער ערד, קאָן דאָס פאָלק ניט ווערן איינ־גאַנצן געהאָלפן. כל זמן עס איז ניט אויסגעראָטן די רע־ליגיעזע צביעות אָדער היפּאָקריטישקייט, קאָן דאָס ליכט פון אמת ניט לייכטן אין זיין פולן שיין אין די הערצער פון מענטשן.

דערפאַר איז דאָס ערשטע ווערק פון גאָטס גערעכטער מלוכה אונטער דעם משיח, דעם קעניג, די פאַרניכטונג פון שטנס אומגערעכטער און גאָטלאָזער איינריכטונג און די ריי־ניקונג פון דער ערד, כדי עס זאָל קאָנען פולשטענדיק איינגע־פירט ווערן די גערעכטע און פרידלאַכע רעגירונג פאַרן פאָלק. דערפאַר שטייט פאַרצייכנט אין אנטפּלעקונג י״ז, אין די פּסוקים 13־16, אַז די פאַראייניקטע כחות פון רשעות אונטערן שטנס אָנפיר און די פאַראייניקטע כחות פון גערעכטיקייט אונ־טער דעם משיחס אָנפיר מאַרשירן איצט קיין הר־מגדון, דאָס מיינט צו דער גרעסטער פון אַלע שלאַכטן, און דאָס וועט זיין אַ צייט פון דער שרעקלאַכסטער נויט, וואָס די וועלט האָט ווען ניט איז געזען.

דורך די נביאים ישעיה, ירמיה און יחזקאל האָט גאָט אָנגעצייכנט זיין פּסק־דין איבער דער „קריסטלאַכער" וועלט, און זי מוז פאַלן. דאָס וואָס ווערט דאָ געזאָגט, איז ניט

קיין דראָאונג קענען ווען ניט איז, נייערט דאָס איז אַ וואָר־נונג צו די רעגירער און אויך צו די רעגירטע פון דער „קריסט־לאַכער" וועלט. אויף יענע, וואָס זיינען איבערגעגעבן צו גאָט, ליגט די פליכט און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו וואָרענען וועגן דעם, און אויב זיי וואָלטן פאַרפעלט דאָס צו דערפילן, וואָלט דער אַלמעכטיקער געמאַכט אַפילו די שטיינער אויס־צושרייען די וואָרנונג צו די מענטשן.

די „קריסטלאַכע" וועלט איז צונויפגעשטעלט פון נאַציעס, וואָס רופן זיך „קריסטן", און די גרעסטע פון זיי זיינען אַמע־ריקע און גרויס־בריטאַניע. ווייל די „קריסטלאַכע" וועלט האָט געטענהט, אַז זיי זיינען נאָכפאָלגער פון ישוע המשיחן, האָבן זיי דערמיט איינגעוויליקט צו אַ ניט־בפירושן אָדער ניט־אויס־גערדיקטן אָפּמאַך, צו אַכטן און אויסצופאָלגן גאָטס ווילן. דערפאַר ליגט אויף דידאָזיקע נאַציעס אַ גרעסערע פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט ווי אויף יענע נאַציעס, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס היידן אָדער געצנדינער.

די „קריסטלאַכע" וועלט געפינט זיך ביי היינטיקן טאָג פונקט אין דערזעלבער לאַגע, ווי ירושלים פאַרן חורבן. ירושלים איז געווען אַ פאָרבילד פון דער „קריסטלאַכער" וועלט, און דערפאַר באַציען זיך די וואָרנונגען, וואָס יהוה האָט געשיקט צו ירושלים דורך זיינע נביאים, מיט נאָך שטאַר־קערער באַטאָנונג אויף די „קריסטלאַכע" נאַציעס פון דער קעגנוואַרט. איך ווינטש, אַז די רעגירער און דאָס פאָלק זאָלן פאַרשטיין, אַז דאָ ווערט גאָרניט געזאָגט מיט דער אָב־זיכט צו פאַראורזאַכן אַ שטרייט פון מיינונגען, נייערט דאָס איז אַ וואָרנונג, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט גאָטס ווילן, ווייל מענטשן נויטיקן זיך אין דערדאָזיקער אויפקלערונג, איי־דער עס באַפאַלן זיי די גרעסטע צרות, וואָס האָבן ווען ניט איז געטראָפן די מענטשהייט.

איבער דער „קריסטלאַכער" וועלט וועט זיך באַלד אויס־שפּרייטן די גרעסטע נויט, וואָס האָט ווען אַמאָל געטראָפן וועלכע ניט איז נאַציע. דער נביא ישעיה דערקלערט די אור־זאַכן פון דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפע אין די פאָלגנדיקע ווער־טער (כ"ד:3—5): „יהוה האָט גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט:

פאַראָבלט, פאַרוועלקט איז די ערד, פאַרשניטן, פאַרוועלקט איז די וועלט, פאַרשניטן די הויכע לייט פון דער ערד. און די ערד [די אָרגאַניזירטע פעלקער פון דער ערד] איז זינדיק אונטער אירע באַוואוינער, וואָרים זיי האָבן עובר געווען אויף די לערנונגען, איבערגעטרעטן דאָס געזעץ, און פאַרשטערט דעם אייביקן בונד".

גאָטס געזעצן זיינען אָנגעצייכנט אין דער ביבל און זיי דעפינירן אַלע ארטן פאַרברעכן. די נאַציעס פון דער „קריסט־לאַכער" וועלט האָבן געבראָכן דידאָזיקע אַלע געזעצן און זיינען באַגאַנגען אַלע ארטן פאַרברעכן. די פאַראָרדענונגען פאַר דער פירונג פון גאָטס קהלה־קדושה אויף דער ערד זיינען דורך ישוע און זיינע שלוחים דייטלאַך דערקלערט געוואָרן און זיינען אויפגעצייכנט אין דער ביבל. אָבער דאָס „אָרגאַניזירטע קריסטנטום" אָדער, ווי זי ווערט גערופן, די „קריסט־לאַכע וועלט" האָט פאַרביטן דידאָזיקע געטלאַכע פאָרשריפטן און האָט אָנשטאָט דעם איינגעפירט געצנדינערישע מנהגים און האָט דורך דעם געבראַכט גרויס חרפּה אויף דעם נאָמען פון יהוה גאָט. דעם „אייביקן בונד" האָט גאָט דערקלערט נחן, און אין דעמדאָזיקן ברית ווערט באַקאַנט געמאַכט די הייליקייט פון דעם מענטשנלעבן. יעדע נאַציע פון דער „קריסטלאַכער" וועלט האָט געבראָכן דעמדאָזיקן אייביקן בונד דורך אומגערעכט פאַרגיסן אומשולדיק מענטשנבלוט. דערפאַר, זאָגט יהוה, איז געקומען זיין קללה איבער דער ערד, און אירע איינוואוינער וועלן באַשטראָפט און פאַרצערט ווערן, און ווייניק מענטשן וועלן בלייבן.

דאָס געזעץ פון אַלע ציוויליזירטע נאַציעס פאַרדאַמט אומטרייקייט קעגן דעם חתונה־בונד, זנות און פּראָסטיטוציע אַלס איינע פון די גרעסטע פאַרברעכן. די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געברויכט דעם נאָמען פונם האר זיינען באַגאַנגען אַן אַנדער גרויס פאַרברעכן, וואָס ווערט באַצייכנט און פאַר־אורטיילט פון גאָט אַלס זנות און פּראָסטיטוציע. דאָסדאָזיקע פאַרברעכן באַשטייט אין דעם צונויפפּלאָנטערן גאָטס אמת מיט די שענדלאַכקייטן פונם טייוול און אין נאָכפאָלגן דעם שטנס טואונגען. צו די, וואָס האָבן דאָס געטאָן, ווערט געזאָגט

אין יעקב ד׳:4 : „איר נואפות, ווייסט איר ניט, אז די פריינדשאפט פון דער וועלט איז פיינדשאפט קעגן גאט? דארום איטלאכער, וואס וויל זיין א פריינד פון דער וועלט, שטעלט זיך צום פיינד פון גאט.״ דאס פאלק איז אן עדות פונם פאקט, אז דאס „ארגאניזירטע קריסטנטום״ גייט היינט האנט אין האנט מיט די באדריקנדיקע הערשער פון דער וועלט, און אז עס איז פאקטיש א טייל פון דער וועלט.

ישוע, צוזאמען מיט זיינע געטרייע שלוחים, האט געגרינדעט דאס אמתע קריסטנטום. גאט דערקלערט, אז ער האט עס געפלאנצט אלס אן איידלען ווייגשטאק. די פליכט און פאראנטווארטלאכקייט פון דעם אמתן קריסטנטום ביז היינטיקן טאג איז צו האבן נאר איין גאט, אים צו דינען, געטריי נאכצופאלגן די פוס־טריט פון ישוע המשיח און צו זיין אינגאנצן און אומבאדינגט איבערגעגעבן גאטס קעניגרייך.

פונם ווייגשטאק פון אמתן קריסטנטום זיינען ארויסגעוואקסן צוויי גרויסע צווייגן, נעמלאך, די קאטוילישע און די פראטעסטאנטישע רעליגיעס. קיינער וועט ניט וועלן מאכן א פארזוך אפצולייקענען דעם פאקט, אז יעדער פון די דאזיקע צוויי רעליגיעזע צווייגן האט זיך אפן פארבונדן מיט די פאליטישע, קאמערציעלע און מיליטערישע מאכטן פון דער וועלט. היינט בילדן די דאזיקע גרויסע רעליגיעזע ארגאניזאציעס צוזאמען מיט זייערע אליאירטע, וואס הערשן איבער די גרעסטע נאציעס פון דער וועלט, איבער דער אזוי גערופענער „קריסטלאכער״ וועלט, אדער דעם „ארגאניזירטן קריסטנטום״. ביידע גרויסע צווייגן פון דער פאלש גערופענער „קריסטלאכער״ וועלט האבן ווייט געעפנט זייערע טויערן און ארעמס און האבן אריינגעלאקט און אריינגעצויגן מענטשן, ניט קוקנדיק אויף דער אומריינקייט פון זייער גלויבן אדער אויפפיר, אין זייערע סיסטעמען און האבן זיי איינגעלאדן הנאה צו האבן פון זייערע נאשערייען. כדי צו זיין אנציענדיקער אין די אויגן פונם גרויסן עולם, האבן ביידע רעליגיעס געענדערט גאטס פארשריפטן איבער דער פירונג און דעם גאטעסדינסט פון זיין קהלה, און זיי האבן אנשטאט דעם איינגעפירט ניאופדיקע מנהגים, וואס האבן געבראכט גרויסע בושה אויף

גאָטס נאָמען. ביידע האָבן געמאַכט די רייכע באַדריקער פונם פאָלק און די טיראַנישע און אוממענטשלאַכע פאָליטישע הער־שער פאַר די בעלי־בתים אָדער פאַר די חשובע אדירים פון זייערע סטאַדעס און האָבן אָפּגעשטויסן און אונטערדריקט די אָרעמע און נויט־באַדערפטיקע.

די צען שבטים פון ישראל, וואָס האָבן אויפגעבויט שמרון אלס זייער הויפּטשטאָט, זיינען געווען אַ שאָטנבילד פון דער קאַטוילישער אָרגאַניזאַציע, און די צוויי שבטים, וואָס האָבן געהאַט ירושלים אלס זייער הויפּטשטאָט, האָבן מיט זיך פאָר־געשטעלט די סיסטעמען פון דער פּראָטעסטאַנטישער רעליגיע. וואָס גאָט האָט געזאָגט דורך זיינע נביאים צו יענע אַמאָליקע נאַציעס באַציט זיך היינט, מיט נאָך גרעסערער קראַפט און אונטערשטרייכונג, צו די מאָדערנע „קריסטלאַכע" נאַציעס.

די קאַטוילישע נאַציעס האָבן געהאַט ווייניקער אויפ־קלערונג ווי די פּראָטעסטאַנטישע; דערפאַר טראָגן די פּראָ־טעסטאַנטישע נאַציעס אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר דעם קעגנוואַרטיקן צושטאַנד פון דער וועלט. אַזוי ווי גאָט האָט באַשטראָפט ישראלן, אַזוי האָט ער דערקלערט דורך זיינע נביאים, אַז ער וועט ברענגען אַ גרויסע שטראָף אויך איבער דעם „אָרגאַניזירטן קריסטנטום", און אַז דער שווערסטער טייל פון דער דאָזיקער שטראָף וועט טרעפן די פּראָטעסטאַנטישע נאַציעס פון דער „קריסטלאַכער" וועלט. דערפאַר זאָלן די רעגירער און דאָס פאָלק נעמען איצט אין אַכט, אַז איינגיכן, און נאָך אין די טעג פון דעם היינטיקן דור, וועט קומען איבער די נאַציעס פון דער „קריסטלאַכער" וועלט די שרעק־לאַכסטע צרה, וואָס איז ווען ניט איז באַפאַלן די מענטשהייט; און דאָס וועט געשען, כדי אַלע זאָלן וויסן, אַז יהוה איז דער איינציקער אמתער גאָט, און כדי זיין וואָרט און זיין נאָמען זאָל ווערן ריינגעוואַשן און גערעכטפאַרטיקט.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרופּע קריסטן, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען און טיטל: „ביבלפאָרשער". צווישן זיי זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן ניט געהיט גאָטס וואָרט, האָבן רעבעלירט קעגן זיינע געבאָט און האָבן באַקעמפט די עפנטלאַכע פּראָקלאַמירונג פון דער

בשורה וועגן זיין קעניגרייך. זיי זיינען זיך געגאַנגען אויף אַן איינענעם עגאָאיסטישן וועג און האָבן געבראַכט גרויסע חרפּה אויף גאָטס נאָמען. דער האַר פֿאַרדאַמט זיי עפּנטלאַך אַלס רשעים, דאָס הייסט, אַלס טוער פֿון שלעכטס און אומגערעכ־טיקייט און זאָגט אָן, אַז זיי וועלן ווערן פֿאַרניכט צוזאַמען מיט די אַנדערע שונאים פֿון גאָט. (טעסאַלוניקער ב׳:1—9) די צייט איז געקומען צו וואָרנען זיי, און דאָסדאָזיקע ווערט איצט געטאָן.

עס זיינען פֿאַראַן מענטשן אויסער די גרענעצן פֿון דעם פֿאַלש־גערופֿענעם „קריסטנטום”, וואָס רופֿן זיך אַטעאיסטן אָדער גאָטלייקענער, און וואָס זיינען קעגן אַלע, וואָס רופֿן זיך מיטן נאָמען פֿון האַר, אָן אונטערשיד צי דידאָזיקע זיינען פֿאַלשע אָדער אמתע, אויפֿריכטיקע קריסטן. די רוסישע נאַציע שפּילט די הויפּטראָל צווישן די אַטעאיסטן, און זי איז פֿאָר־אויס אָנגעדייט געוואָרן דורך די פּאַרצייטיקע עמונים. אַט די אַטעאיסטישע שונאים פֿון גאָט און פֿון זיין פֿאָלק האָבן גע־בראַכט גרויסע חרפּה אויף גאָטס נאָמען און מלוכה, און זיי האָבן באַנוצט זייער מאַכט צו האַלטן די מענטשן אין אומ־וויסנקייט וועגן דעם אמת. זייערע הערשער און דאָס פֿאָלק זאָלן איצט נעמען אין אַכט דאָס, וואָס גאָט דערקלערט וועגן אַלע, וואָס שעלטן און לעסטערן זיין הייליקן נאָמען. דורך זיין נביא ירמיה לאָזט ער וואָרענען די נאַציעס און פֿעלקער פֿון דער וועלט אין די פֿאָלגנדיקע ווערטער: „זעט, מיט דער שטאָט, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופֿן אויף איר [דאָס איז דאָס „אָרגאַניזירטע קריסטנטום” אָדער די „קריסטלאַכע וועלט”, וואָס צירט זיך באַטריגעריש מיטן נאָמען פֿון גאָט און פֿון זיין משיחן] הייב איך אָן בייז צו טאָן, און איר [די היידנישע און אַטעאיסטישע נאַציעס] זאָלט פֿאַרשוינט ווערן? איר וועט ניט פֿאַרשוינט ווערן, וואָרום איך רוף אַ שווערד אויף אַלע באַוואוינער פֿון דער ערד, זאָגט גאָט פֿון צבאות. און דו זאָלסט נביאות זאָגן אויף זיי אַלע דידאָזיקע ווערטער, און זאָגן צו זיי: יהוה ברילט פֿון דער הייך, און פֿון זיין הייליקער וואוינונג לאָזט ער אַרויס זיין קול. ברילן ברילט ער איבער זיין פּיטערפֿלאַץ, „הידד!” ווי וויינטרעטער שרייט ער

אויף אַלע באַוואוינער פון דער ערד. — און די דערשלאָגענע פון יהוה וועלן זיין אין יענעם טאָג פון עק ערד ביז עק ערד; זיי וועלן ניט באַקלאָגט און ניט איינגעזאַמלט און ניט באַגראָבן ווערן; צו מיסט אויפן געזיכט פון דער ערד וועלן זיי זיין. יאָמערט, איר פאַסטוכער [רעליגיע־פירער] און שרייט, און קייקלט אייך אין שטויב, איר פירער פון די שאָף! וואָרום אייערע טעג זיינען פול צום שעכטן; און איך וועל אייך צעברעכן, און איר וועט פאַלן ווי אַ כלי אַ טייערע. און קיין אַנטלויפונג וועט ניט זיין פאַר די פאַסטוכער, און קיין אַנטרינונג פאַר די גרויסע פון די שאָף. אַ קול פון געשריי פון די פאַסטוכער, און אַ יאָמער פון די פירער פון די שאָף! וואָרום יהוה פאַרוויסט זייער פיטערונג.״ — ירמיה כ״ה: 29, 30, 33־36.

יהוה גאָט מאַכט איצט באַקאַנט דורך זיין מעכטיקער „רעכטער האַנט״, ישוע המשיח, אַז ער וועט שלאָגן די היפאָקריטישע, פאַרשטעלטע און אונטערדריקנדיקע נאַציעס און אינגאַנצן חרוב מאַכן דעם שטנס וועלט־איינריכטונג, כדי דאָס פאָלק זאָל ווערן פריי, צו דערקענען און צו דינען דעם אמתן און גערעכטן גאָט, און כדי עס זאָל לעבן. וועגן דערדאָזיקער שרעקלאַכער נויט, וואָס וועט גראָד איינגיכן באַפאַלן די וועלט האָט ישוע געזאָגט, ווי עס שטייט געשריבן אין מתתיה כ״ד: 21: „דאַן וועט זיין אַ גרויסע צרה, אַזאַ וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזן פון אָנהייב פון דער וועלט ביז אַצינד, און וועט אויך ניט מער זיין״; אָבער טייל וועלן ווערן געראַטעוועט.

ווער וועט אַנטרינען?

ווער וועט ווערן דורכגעפירט דורך דערדאָזיקער גרויסער נויט און האָבן די ערשטע געלעגנהייט, צו מקבל זיין די ברכות פון גאָטס קעניגרייך? דעם האַרס ענטפער אויף דעם געפינען מיר אין צפניה ב׳: 1־3. דאָס זיינען יענע, וואָס באַמיען זיך צו טאָן דאָס גערעכטע און ווילן זיך דערוויסן דעם אמת; און דערפאַר זיינען זיי אומגעוואונטשן אין דעם שטנס אָרגאַניזאַציע. צו זיי זאָגט יהוה: „זאַמלט אייך איין

און פארזאמלט אייך; איר ניט געווינטשט פאָלק, איידער דער גזר ווערט געבאָרן — ווי שפריי פארגייט דער טאָג — איידער עס קומט אויף אייך דער גרימצאָרן פון גאָט, איידער עס קומט אויף אייך דער טאָג פון יהוהס כעס. זוכט יהוה, איר אַלע פאר־ליטענע פון דער ערד וואָס האָט געטאָן זיין געזעץ; זוכט גערעכטיקייט, זוכט עניוות; אפשר וועט איר פארבאָרגן ווערן אין טאָג פון גאָטס כעס.״ צו די, וואָס זיינען אין דער איצ־טיקער צייט פריינדלאך און גוטהארציק צו די אָרעמע, זאָגט דער האר יהוה: „וואויל איז דעם, וואָס באטראכט דעם אָרעמען! אין דעם טאָג פון נויט וועט אים יהוה ראטעווען. יהוה וועט אים אָפהיטן און דערהאלטן ביים לעבן; ער וועט גליקלאך זיין אויף דער ערד; און דו וועסט אים ניט איבער־געבן אין די הענט פון זיינע פיינד.״ — תהלים מ״א: 1, 2.

אין די „קריסטלאכע״ לענדער זיינען איצט פאראן מיליאָ־נען אויפריכטיקע און גוטוויליקע מענטשן. דאָס איז דידאָזיקע עדה מענטשן, וואָס וועט, צוליב איר אויספאָלגן די אויבנ־דערמאָנטע געבאָט פונם האר, אנטרינען פון די שרעקלאכע קלעפ, וואָס גאָט וועט שיקן אויף די „קריסטלאכע נאציעס״, און זי וועט ווערן דורכגעפירט דורך דער גרויסער נויט און זיין די ערשטע צו מקבל זיין די ברכות פון גאָטס גערעכטער מלוכה.

האָפענונג

די איצטיקע אומגערעכטע רעגירונגען פון דער וועלט קאָנען ניט געבן דעם פאָלק קיין שום האָפענונג. גאָטס משפט איבער זיי דערקלערט, אז זיי מוזן פאלן. די איינציקע האָפע־נונג פון דער וועלט איז, אזוינאָך, גאָטס גערעכטע מלוכה אָדער רעגירונג מיט ישוע המשיחן אלס איר אומזעבארן הערשער. גלייך נאָך דער גרויסער, גראָד איצט אָנקומענדיקער צרה, וועט ישוע המשיח, דער קעניג, אָנהייבן די באנייאונג פון דער וועלט. ער וועט הערשן מיט גערעכטיקייט, און ווען זיינע משפטים וועלן הערשן אויף דער ערד, וועלן די מענטשן לערנען גערעכטיקייט. (ישעיה כ״ו: 9). ער וועט משפטן דאָס פאָלק מיט גערעכטיקייט; און דאָס באדייט, אז דאָן

וועלן געצאַמט ווערן אַלע אומגערעכטיקייטן און רשעות, און די מענטשן וועלן געפירט ווערן אויפן ריכטיקן וועג. (אַפּאָסטל־געשיכטע י״ז : 31). אַזוי ווי עס איז באַשריבן אין טימותיוס ב, ד׳:1, וועט דער משיח צוערשט משפּטן די לעבעדיקע און דערנאָך די טויטע. די מיליאָנען מענטשן, וואָס וועלן איבערלעבן די שרעקלאַכע צרה און וועלן ווערן דורכגעפירט דורך איר, וועלן קריגן אָנווייזונגען, הילף און טרייסט; די קראַנקע וועלן ווערן געהיילט און די שוואַכע שטאַרק געמאַכט.

אונטער דעם משיחס גערעכטער ממשלה וועלן ניט זיין מער קיין מאַסן מענטשן, וואָס וועלן פאַרהונגערט ווערן צוליב מאַנגל אין שפּייז. גאָט דערקלערט דורך זיין נביא ישעיה (כ״ה : 6), אַז דער האַר צבאות וועט אין דעמדאָזיקן קעניגרייך מאַכן פאַרן פאָלק אַ גרויסע סעודה פון פעטע זאַכן און וועט אים געבן גוטס צו עסן. דאָרט וועט מען מער ניט זען קיין אָרעמע שטיין אין לאַנגע „ברויטרייען“, וואַרטנדיק אויף אַ נדבה, דאַן ווען די רייכע לאָזן זיך וואוילגיין אין אויס־געלאַסנקייט און לוקסוס, ווייל עס שטייט געשריבן אין גאָטס וואָרט, אַז דער משיח וועט רעגירן אין גערעכטיקייט און וועט משפּטן דעם אָרעמען מיט יושר (ישעיה י״א : 4 ; ל״ב : 1). דאַן וועלן „די פאַרליטענע מערן זייער שמחה אין יהוה, און די באַדערפטיקע צווישן מענטשן וועלן מיטן הייליקן פון ישראל זיך פרייען“. — ישעיה כ״ט : 19.

דאַן וועט דאָס פאָלק ניט מער באַדריקט ווערן מיט שווערע שטייערן, וואָס ווערן געלייגט אויף זיי פאַר מלחמה־צוועקן, ווייל גאָט האָט פאַרזיכערט, אַז עס וועט קיין קריג מער ניט זיין. (ישעיה ב׳:2—4) די לאַסטן פון דער מלוכה וועלן רוען אויף די אַקסלען פון דעם פירשט פון שלום, און זיין הערשאַפט און שלום וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. (ישעיה ט׳ : 6, 7) דאָרט וועלן מער ניט זיין קיין אומבאַרמ־האַרציקע גרונדבאַזיצער, וואָס האָבן אויף אַן אומגערעכטן און אומערלאַכן אופן אַריינגעקראָגן אין זייער באַזיץ די הייזער און דעם גרונד און האָבן געמאַכט די גרויסע מאַסע מענטשן פאַר זייערע שקלאַפן; ווייל עס שטייט אָנגעצייכנט אין גאָטס וואָרט, אַז אין גאָטס קעניגרייך וועט איטלאַכער זיצן אונטער

זיין אייגענעם וויינשטאָק און אונטער זיין אייגענעם פייגנבוים און קיינער וועט אים ניט שרעקן. דאַמאָלסט וועלן מענטשן בויען זייערע אייגענע הייזער און וועלן זיי באַוואוינען, און זיי וועלן פלאַנצן זייער אייגענע פלאַנצונגען און עסן די פרוכט דערפון, און זיי וועלן זיך פרייען און זיין גליקלאַך. — ישעיה ס״ה: 21; מיכה ד׳: 1—4.

קומער און זאָרגן ברענגען מיליאָנען מענטשן פריצייטיק אין קבר אריין. אין גאָטס מלוכה וועט ניט זיין קיין שום אורזאַך פאַר עגמת־נפש און צער. די דערקענטניש פון דער הערלאַכקייט פונם האַר וועט אָנפילן די גאַנצע ערד, און די מענטשן וועלן וויסן, אַז ווען זיי טוען וואָס איז רעכט, וועלן זיי ווערן געזונט און שטאַרק און וועלן לעבן, ווי עס איז גע־שריבן: „זע, איך ברענג אויף איר אַ געגעזונג און אַ היילונג, און וועל זיי היילן; און איך וועל זיי אַנטפּלעקן אַ שפע פון שלום און זיכערקייט.״ (ירמיה ל״ג: 6) „און קיין איינוואוי־נער וועט ניט זאָגן: איך בין קראַנק.״ — ישעיה ל״ג: 24.

אונטער דעם שטנס שרעקלאַכער ממשלה זיינען מיליאַרדן מענטשן געשטאָרבן און גענידערט אין קבר אריין. אונטער דעם משיחס גערעכטער הערשאַפט וועלן אַלע געשטאָרבענע צוריקגעבראַכט ווערן פון די קברים און זיי וועט געגעבן ווערן אַ האָפענונג צו לעבן. (יוחנן ה׳: 28, 29.) דער טויט האָט געבראַכט איבער דער מענטשהייט אומבאַשרייבלאַכע צרות און ימים טרערן; אָבער אונטער דעם משיחס ממשלה וועט דער טויט און דער קבר פאַרניכט ווערן, און אַלע, וואָס פאָלגן דעם האַר, וועלן לעבן. (קאָרינטער א, י״ה: 25, 26.) אַלע ווייטיקן און לײַדן וואָס דער שטן האָט געבראַכט אויף די מענטשן, וועט גאָטס מלוכה אונטער משיחן אויסמעקן, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין אַנטפּלעקונג כ״א: 4: „ער וועט אָפּווישן אַלע טרערן פון זייערע אויגן, און עס וועט מער ניט זיין קיין טויט, און אויך קיין טרויער, און אויך קיין ווײַ־געשריי, און עס וועט ניט זיין מער קיין שמערץ, ווייל די פריערדיקע זאַכן זיינען פאַרגאַנגען.״

יהוה האָט געזאָגט צו אברהמען: „אין דיין זאָמען זאָלן געבענטשט ווערן אַלע משפחות פון דער ערד״. דערדאַזיקער

פאַרשפּראָכענער זאָמען איז דער משיח, דאָס ווערקצייג, וואָס גאָט וועט באַנוצן כדי אויסצושפּרייטן איבער דער גאַנצער מענטשהייט די ברכות פון אייביקן לעבן. (בראשית י״ב: 3; כ״ב: 18; גאַלאַטער ד׳: 8, 16, 27—29.) יהוהס וואָרט איז אמת, און ער וועט דערפילן יעדע פון זיינע הבטחות. דער שטן און זיינע דינער האָבן פאַרניינט גאָטס וואָרט, האָבן פאַרוואַנדלט זיין נאָמען און זיין וואָרט אין אַ שלעכטן שם און האָבן די מענטשן אָפּגעקערט פונם דרך, וואָס פירט צום לעבן. די צייט מוז קומען, ווען יהוהס וואָרט און נאָמען וועלן ווערן ריינגעוואַשן און געדעכטפאַרטיקט; און דאָסדאָזיקע וועט גאָט טאָן, כדי מענטשן זאָלן וויסן, אַז יהוה איז דער אַלמעכטיקער גאָט, דער אויבערשטער, „דער פאָטער פון רחמנות און דער גאָט פון אַל דעם טרייסט״, און אַז ער איז דער איינציקער, פון וועמען עס קאָנען קומען די ברכות פון לעבן.

די נאַציעס פון דער וועלט זיינען האָפענונגסלאָז, און די איצטיקע רעגירונגען קאָנען ניט געבן דער ליידנדיקער מענטשהייט קיין שום האָפענונג. פאַרוואָס דען זאָלן די מענטשן נאָך לענגער דערוואַרטן די ישועה פון אַזעלכע נישטיקע און האָפענונגסלאָזע פּראָיעקטן, ווי דער פעלקער־בונד, שלום־אָפּמאַכן און די פאַרשטעלטע, פאַרמאַסקירטע רעליגיעס? צו וואָס צו דערוואַרטן עפּעס פון אַזעלכע איינריכטונגען, וואָס זיינען פאַרמשפּט צו אַ גיכן און פולשטענדיקן אונטערגאַנג?

די האָפענונג פון דער וועלט איז גאָטס מלוכה אונטער ישוע המשיחן, דעם פירשט פון שלום. אין דעמדאָזיקן קליינעם ביכל קאָן איך נאָר אויפמערקזאַם מאַכן אויף עטלאַכע וויכטיקע אמתן וועגן גאָטס קעניגרייך. איך באַטאָן דאָ די גרויסע נויטווענדיקייט צו דערלערנען און דערוויסן זיך אַלץ וועגן דעם האַרס מלוכה. פאַרשאַפט אייך די ביכער, וואָס וועלן אייך העלפן צו געפינען דידאָזיקע אמתן אין דער ביבל, און דאַן לערנט און גיט אַכטונג אויף זיי.

דאָס קעניגרייך איז שוין דאָ. גאָט האָט געבאָטן, אַז די מענטשן זאָלן אינפאָרמירט ווערן וועגן דעמדאָזיקן פאַקט, ווייל די צייט איז געקומען, אַז זיי זאָלן אויפגעקלערט ווערן. עס מוז דערקלערט ווערן אין אַלע לענדער דער טאָג פון גאָטס

נקמה, ווייל יהוה האָט אזוי געבאָטן. (ישעיה ס״א 1, 2) אינגיכן, און שוין אין די טעג פונם איצטיקן דור, וועט די „קריסטלאכע וועלט" און די נאציעס, וואָס הערשן אין איר, ווערן איננאנצן פארניכטט. דאָס וועט ניט געטאָן ווערן דורך א קאמף פונם פשוטן פאָלק קעגן די רייכע, נייערט דורך ישוע המשיחן, דעם ווערקצייג פון פארניכטונג אין דער מעכטיקער האנט פון יהוה גאָט. ווען דערדאָזיקער גרויסער טאט וועט דערגרייכט ווערן, און ווען די „קריסטלאכע וועלט" און אלע רשעים וועלן פארוואנדלט ווערן אין א הויפן אש, דאַן וועט דער גאנצער באשאף וויסן, אז גאָט דער אלמעכטיקער האָט דאָס געטאָן. ער וועט דאָס טאָן, כדי צו רעכטפארטיקן זיין נאָמען און צום גוטן פאר אלע די, וואָס האָבן ליב גערעכטיקייט.

ווער וועט ברענגען די בשורה?

דאָס איז ניט קיין פּאָפּולערע בשורה. די פירער און הערשער פון די „קריסטלאכע נאציעס" וועלן לייקענען איר וואָרהאפטיקייט. זיי וועלן זי באקעמפן און פארשפּאָטן. זיי וועלן זי לעסטערן און באשמוצן, און זיי וועלן עפנטלאך זידלען די פארשפרייטער פון דערדאָזיקער בשורה. פונקט אזוי איז עס געשען, ווען גאָטס נביא האָט געוואָרנט ירושלים. ביי היינטיקן טאָג איז פאראַן אונטער דער זון נאָר איין איינציקע גרופּע פון מענער און פרויען, וואָס האָבן די אמונה און דעם מוט אָנצוזאָגן דער מענטשהייט די בשורה פון אמת בנוגע דעם אונטערגאנג פון דער „קריסטלאכער" וועלט און דעם שטנס גאנצער איינריכטונג און בנוגע דער גוטער האָפע־נונג, וואָס גאָטס מלוכה האלט גרייט פארן פאָלק. דידאָזיקע עדה מענטשן איז צונויפגעשטעלט פון אזעלכע, וואָס זיינען אין גאנצן איבערגעגעבן צו גאָט און זיין קעניגרייך. זיי זוכן ניט קיין אָפּשאַץ אָדער כבוד פון מענטשן, און זיי האלטן ניט זייער אייגן לעבן אויף דער ערד טייער גענוג פאר זיך. זייער באשטרעבונג איז בלויז אויסצופאָלגן גאָטס געבאָט.

הגם זיי האָבן ליב טשאַרלז ט. ראַסעלן פאר זיינע באמי־אונגען אלס נאָכפאָלגער פון ישוע המשיחן, קאָן מען זיי

אָבער ניט רופן מיט רעכט „ראָסעליטן”. כאָטש זיי פאָרשן די ביבל, קאָנען זיי דאָך ניט, ריכטיקערהייט, באַצייכנט ווערן אַלס „ביבלפאָרשער”, אָדער „פאַריייניקטע ביבלפאָרשער”. זיי זיינען ניט קיין נאָכפאָלגער פון קיין שום מענטשן, און זיי רופן זיך אויך ניט מיט דעם נאָמען פון וועלכן ניט איז מענטשן. זייענדיג אויסגעלייזט דורכן בלוט פון ישוע הגואל והמשיח, געזעכפארטיקט און געבוירן פון יהוה גאָט און באַרופן צו זיין קעניגרייך, זייענדיק איינגאַנצן און אָן צוריק־האַלט איבערגעגעבן צו גאָט און זיין מלוכה, געפינען זיי גליק, אָנצונעמען דעם נאָמען, וואָס דער האַר גאָט האָט זיי געגעבן, און דאָס איז: י ה ו ה ס ע ד ו ת.

דערפאַר לייג איך פאָר די פאָלגנדיקע עפנטלאַכע דער־קלערונג און פאָדער אויף איטלאַכן מענטשן, וואָס קאָן ערלאַך און אויפריכטיק באַהויפּטן פאַר גאָט און פאַר מענטשן, אַז ער באַזיצט די אייגנשאַפטן פון פולער איבערגעבנקייט צו יהוה גאָט און צו זיין קעניגרייך, צו שטימען, אַז דידאָזיקע רעזאָלוציע זאָל אָנגענומען ווערן און דערנאָך צו באַווייזן זייער איבערגעבנקייט און געטרייקייט צו יהוה גאָט און זיין מלוכה, נעמלאַך, דורך אייפערדיקער פאַרשפּרייטונג פון דער־דאָזיקער בשורה פון גאָטס קעניגרייך צווישן די נאַציעס און פעלקער פון דער ערד, און אויף אַזאַ אופן נעמען אַן אַנטייל אין דער רעכטפאַרטיקונג פון יהוהס נאָמען.

וואָרנונג פון יהוה

צו די הערשער און צום פאָלק!

זאָל עס באוואוסט ווערן: אז עס איז פאראן נאָר איין איינציקער אמתער און אַלמעכטיקער גאָט, און אַז זיין נאָמען איז יהוה דער אויבערשטער; אַז עס איז פאראן נאָר איין גואל אָדער דערלייזער פונם מענטשן; זיין נאָמען איז ישוע המשיח, וואָס גאָט האָט געזאַלבט און דערהויבן צו זיין דער מלך העולם; זיין מלוכה איז איצט געקומען און זי איז די איינציקע האָפענונג פאַר די פעלקער פון דער וועלט.

ווייטער, אַז דער שטן, דער טייוול, איז דער גרויסער שונא פון גאָט און פון דעם מענטשן. יאָרהונדערטער נאָכאַנאַנד איז דער שטן געווען דער אומזעבאַרער הערשער פון דער וועלט, ער האָט געבראַכט אויף גאָטס נאָמען גרויסע חרפה און האָט אַראָפגעצויגן די מענטשן צו דערנידעריגונג, די ליידן און די נויט פון דער וועלט אין דעם איצטיקן מאָמענט, זיינען די פאָלגן פון דער רשעות און געזעצלאָזיקייט פון דעם שטן און זיינע אַרויסהעלפער; אָבער גאָט דער־קלערט, אַז עס איז געקומען איצט די צייט, ווען דעם שטנס הערשאַפט זאָל זיך ענדיקן אויף אייביק. אינם יאָר 1914 איז דער שטן אַרונטערגעשליידערט געוואָרן פונם הימל אויף דער ערד, און אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום וועט יהוה גאָט דורך משיחן פאַרניכטן דעם שטנס מאַכט און איינריכטונג אויף דער ערד. אָבער עס איז יהוהס אויסגעשפּראָכענער ווילן און געבאָט, אַז איידער דאָס וועט געשען, זאָלן זיינע עדות ברענגען צו די הערשער און צום פאָלק דידאָזיקע בשורה פון וואָר־נונג, כדי איטלאַכער, וואָס הערט זי, זאָל האָבן אַ געלעגנהייט, זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון יהוה גאָט און זיין מלוכה, און, אַזוינאָך, קאָנען געפינען אַ רעטונג אין דער צייט פון דער גרויסער אָנקומענדיקער צרה. די בשורה פון וואָרנונג, וואָס מוז איצט ווערן אָנגעזאָגט, איז, אין קורצן, די פאָלגנדיקע:

די פירנדיקע נאַציעס פון דער וועלט וואָס באַהויפּטן, אַז זיי זיינען „קריסטלאַכע" נאַציעס און ווערן אַזוינאָך גערופן די „קריסטלאַכע וועלט", האָבן פאַרלוימדט און באַשמוצט יהוהס הייליקן נאָמען; זיי זיינען אַ באַשטאַנדטייל פון דעם שטנס איינריכטונג און זיי וועלן אומקומען.

די אַנדערע נאַציעס, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס „היידן", האָבן אויך פאַרלוימדט גאָטס נאָמען; זיי זיינען אויך אַ טייל פון דעם שטנס אָרגאַניזאַציע אָדער איינריכטונג און וועלן אויך אונטערגיין. גאָט האָט דער „קריסטלאַכער" וועלט געגעבן מער אויפקלערונג און גרעסערע געלעגנהייטן ווי די היידן; אָבער זי האָט זיך באַוויזן צו זיין אומגעטריי, און דערפאַר וועט איר טרעפן אַ גרעסערע שטראָף פון גאָטס האַנט. איינגיכן וועט קומען איבער דער „קריסטלאַכער" וועלט, וואָס מאַסקירט זיך אונטערן נאָמען פון האַר, די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, וואָס איז ווען ניט איז באַפאַלן וואָס פאַרא ניט איז פאָלק. — ירמיה כ"ה: 29—35.

כדי מאַכן די מענטשן פייאיק בעסער צו פאַרשטיין גאָטס אורזאַך פאַר אַראָפּברענגען דעמדאָזיקן גרויסן אומגליק איבער די נאַציעס, האָט ער געלאָזט אויפצייכנען אין דער ביבל די געשיכטע פון די אידן, און אויף דערדאָזיקער געשיכטע ווערט דאָ אָנגעוויזן. דער האַר האָט דערקלערט, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט די אידן איז געווען אַ פאָרבילד אָדער אַ שאָטן פון דעם, וואָס וועט טרעפן דער „קריסטלאַכער" וועלט אָדער די נאַציעס, וואָס גיבן זיך אויס אָדער מאַסקירן זיך אַלס „קריסטן". די אידן זיינען געווען גאָטס אויסדערוויילט פאָלק, מיט וועמען ער האָט געשלאָסן זיין ברית; אָבער זיי זיינען געוואָרן אומגעטריי זייער בונד און האָבן געדינט דער עבודה זרה. גאָט האָט געשיקט צו זיי זיינע נביאים און האָט דורך זיי געוואָרנט ישראלן און האָט געלאָזט אָנזאָגן דאָס פאָלק, אַז ער האַלט אין צעשטערן די אידישע נאַציע צוליב זייער אומגעטרייקייט. די פירער צווישן ישראל האָבן ניט גענומען אין אכט דידאָזיקע וואָרנונג, זיי האָבן פאַרשפּאָט דאָס עדות־זאָגן פון גאָטס נביאים און זיי האָבן דערנאָך אַליין געזאָגט פאַלשע נביאות צום פאָלק, אַז עס וועט קיין אומגליק ניט

קומען איבער דער אידישער נאַציע. אָבער באַלד נאָכדעם איז ישראל אָפּגעווישט געוואָרן אין איר עקזיסטענץ אַלס א נאַציע. אָט יענע געשיכטע חזרט זיך איצט איבער.

יהוה האָט געפּלאַנצט אמתע קריסטנטום אַלס א ריינע און איידעלע פלאַנץ; אָבער באַלד נאָכן טויט פון די געטרייע אַפּאָסטאָלן אָדער שלוחים פון ישוע המשיחן, איז "קריסטנ־טום" אַנגענומען געוואָרן פון די קאָמערציעלע און די פּאָלי־טישע הערשער פון דער וועלט אַלס זייער רעליגיע. און דאָס איז געווען דאָס ווערק פון דער גייסטלאַכקייט. דערנאָך האָבן זיי געענדערט גאָטס דינים אָדער פאַרשריפטן און האָבן זיי צוגעפּאַסט צו זייערע אייגננוציקע צילן, זיי האָבן פאַרבראָכן קעגן גאָטס געזעץ און, הויפּטזאַכלאַך, קעגן דעם „אייביקן בונד" און האָבן געבראַכט גרויסע שאַנד אויפן נאָמען פון דעם אויבערשטן. די פירנדיקע נאַציעס פון דער וועלט ווערן היינט גערופן די „קריסטלאַכע נאַציעס", און זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס באַצייכנען זיי אַלס די „קריסטלאַכע רעליגיע"; אָבער גלייכצייטיק פאַרלייקנען זייערע פירער די געטלאַכע אינספּיראַציע און די וואָרהאַפטיקייט פון גאָטס וואָרט, ווי אויך, אַז דאָס פאַרגאָסענע לעבנסבלוט פון ישוע המשיחן איז דער אויסלייז־פּרייז פאַר דער מענטשהייט, און זיי זאָגן זיך אָפּ, אָנצונעמען גאָטס מלוכה אַלס דעם מיטל צו באַנייען און בענטשן די פעלקער פון דער ערד. דאָס „אָרגאַניזירטע קריסטנ־טום" איז פאַקטיש א באַזונדער באַשטאַנדטייל פון דעם שטנס וועלט־איינריכטונג און איז א שונא פון גאָט און פון זיין קעניגרייך. דערפאַר מוז עס ווערן אויסגעראָט, כדי די מלוכה פון גערעכטיקייט זאָל קאָנען הערשן איבער דער וועלט.

אינם יאָר 1914 איז געקומען די וועלט־מלחמה און די צרות, וואָס האָבן זי באַגלייט. דאָס אַלץ איז געווען א גענויע דערפילונג פון ישוע המשיחס נביאות, און דאָס האָט געגעבן דער גאַנצער „קריסטלאַכער" וועלט דעם פולשטענדיקן באַוויז, אַז די „צייטן פון די גויים" האָבן זיך געענדיקט, און אַז דעם משיחס מלוכה איז געקומען. (מתתיה כ"ד: 3—14). דידאָ־זיקע פאַקטן זיינען ספּעציעל געבראַכט געוואָרן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די „קריסטלאַכע" נאַציעס. וואָלט די

„קריסטנשאַפט" דעמאָלסט געהאָרכט גאָטס עצה און וואָרנונג און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זיין וואָרט, וואָלט זי געקאָנט געשוינט ווערן פון פאַרניכטונג. אָבער דאָס „אָרגאַניזירטע קריסטנטום" האָט ניט נאָר אָפּגעוואָרפן מיט פאַראַכט גאָטס עצה, נאָר עס האָט עפנטלאַך אונטערשטיצט דעם טייוולס שפּיצל, דעם פעלקער־בונד, און האָט דידאָזיקע ליגע באַצייכנט אַלס דעם „פּאָליטישן אויסדרוק פון גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד". די פירער פון דער „קריסטלאַכער" וועלט און די קאָמערציעלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע וועטער־פּראָפעטן פּראָאויסזאָגן איצט עפנטלאַך, אַז די איצטיקע לײדן און צרות זיינען בלויז צייטווייליק און וועלן באַלד פאַרגיין, און אַז די נאַציעס, רעגירט פון אומגערעכטע מענטשן, וועלן באַלד איינפירן דויערנדיקן שלום און וואוילשטאַנד. אַקוראַט ווי די פאַלשע נביאים פון ישראל, אַזוי באַטריגעריש פּראָפעציען אויך דידאָזיקע „וואָרזאָגער" פון דער קעגנוואַרט. (ירמיה כ״ח: ו—י״ז) זאָלן אַלע נעמען אין אַכט, אַז די „קריסטלאַכע" וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט אויסהיילן פון דער איצטיקער קריטישער לאַגע, נייערט זי וועט איינגיכן אומקומען אין דעם שרעקלאַכסטן אומגליק, וואָס איז ווען ניט איז באַפאַלן אַ נאַציע אין דער וועלט. די פאַרניכטונג פון די „קריסטלאַכע" נאַציעס וועט ניט קומען דורך אַ קאַמף פון די אָרעמע קעגן די רייכע, נייערט זי וועט זיין אַ רעזולטאַט פון דער שטראָף, וואָס וועט אויסגעפירט ווערן דורך יהוה גאָט און דורך זיין מלך. — אַנטפּלעקונג י״ט: 11—21.

יהוה דערקלערט, אַז אין דערדאָזיקער שרעקלאַכער צייט וועט אויסגעהרגעט ווערן אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן, אַז די לעבן־איבערגעבליבענע וועלן ניט באַגראָבן די טויטע. גאָט דערקלערט, אַז אַ געוויסער טייל פונם פאָלק וועט געשוינט ווערן און וועט דורכגעפירט ווערן דורך די גרויסע צרות און געראַטעוועט ווערן, און אַז דידאָזיקע געשוינטע וועלן זיין יענע, וואָס באַגערן איצט צו דערלערנען און צו טאָן גאָטס ווילן.

די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט איז גאָטס קעניגרייך, און קיין אנדערע האָפענונג איז ניטאָ. גלייך נאָך די גרויסע צרות וועט יהוהס מלוכה ברענגען שלום, ברכה און גליק אויף דער ערד. דערפאַר דאַרפן אַלע מענטשן, וואָס האָבן ליב גערעכטיקייט, באַשטרעבן איצט אָנצוזאַמלען קענטנישן וועגן גאָטס קעניגרייך, און זיי דאַרפן זיך שטעלן אויף דער זייט פון זיין מלוכה; זיין אונטערטעניק און געטריי צו גאָט און זיין מלך און זיין גרייט פאַר די אייביקע ברכות, וואָס וועלן קומען אויף די, וואָס פאָלגן יהוה גאָט און זיין קעניג, און וואָס זיינען אים איבערגעגעבן און געטריי.

דאָסדאָזיקע וואָרנענדיקע עדות־זאָגן ווערט ניט געגעבן פון „אַ נייער רעליגיעזער סעקטע", וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע, זעלנפאַנג און באַקערן צו אַ נייער אמונה, נייערט די וואָרנונג ווערט אָנגעזאָגט דורך יהוהס עדות. זיי זוכן ניט אַריינצוקריגן מיטגלידער, און זיי זאַמלען אויך ניט קיין געלט. יהוה גאָט האָט פאַרפליכטעט אַלע, וואָס זיינען מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן זיין מלוכה, צו פּראָקלאַמירן דאָסדאָזיקע וואָרנענדיקע עדות־זאָגן; און די, וואָס הערן די וואָרנונג, זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך צו גאָט פאַרן וועג, וואָס זיי קלייבן זיך דערנאָך אויס.

מיר דערקלערן, אַז מיר זיינען אינגאַנצן איבערגעגעבן גאָט און זיין מלוכה, און מיר זיינען גליקלאַך צו זיין זיינע עדות און ברענגען זיין עדות־זאָגן און, אַזוינאָך, צו רימען זיין הערלאַכן נאָמען. אונדזער אמונה פאַרבאָט און דערלאָזט אונדז ניט צו באַטייליקן זיך אין מלחמות אָדער אין וועלכער ניט איז אַנדער אונטערנעמונג, וואָס ברענגט צרות אָדער שאָדן דער מענטשהייט. מיר זיינען נאָר פאַר יהוהס קעניגרייך פון אייביקן שלום.

די באַשטימטע צייט פאַר דער ריינוואַשונג פון יהוהס גרויסן נאָמען איז געקומען; און אַלס זיינע באַפולמעכטיקטע עדות, און אין דער געהאָרכזאַמקייט צו זיין געבאָט, דערקלערן מיר איצט פייערלאַך דידאָזיקע וואָרנונג און פאַרשפּרייטן דאָסדאָזיקע עדות־זאָגן.

אין זייער אַ קורצער צייט אַרום וועט גאָט פאַרניכטן דעם שטנס גאַנצע איינריכטונג, וואָס שליסט אין זיך איין די „קריסטלאַכע" וועלט און אַלע נאַציעס, וואָס אונטערדריקן דאָס פאָלק און שענדן זיין הייליקן נאָמען. גלייך נאָך דער גרויסער פאַרניכטונג וועט גאָט דורך ישוע המשיחן איינגאַנצן עטאַבלירן זיין מלוכה פון גערעכטיקייט אויף דער גאַנצער ערד. זאָל דאָס פאָלק דערפאַר אויפהערן צו נעמען אין אַכט די רעפאָרם־פּלענער, אָנגעבאָטענע פון שטערבלאַכע מענטשן. יהוהס מלוכה איז די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט. זאָלן אַלע, וואָס האָבן ליב גערעכטיקייט מיט זייער גאַנצן האַרצן, אונטערטעניק ווערן יהוה גאָט און זיין קעניגרייך, און מקבל זיין זיינע ברכות.

אַ נייער נאָמען

אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ, איז פון דעם 24טן ביז דעם 30טן יולי, 1931, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון אמתע קריסטלאַכע מענטשן. זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פון פאַרשידענע פעלקער פון דער ערד און האָבן פאַרטראָטן פילע שפּראַכן. אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 26טן יולי, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די פאָלגענדיקע רעזאָלוציע, וואָס ווערט אַרויסגעשיקט פאַר אינפאָרמאַציע צו אַלע פעלקער פון דער וועלט. — (אָנמערקונג פון די אַרויסגעבער).

אין אַנבאַטראַכט, אַז ארום דעם יאָר 1874, אויספירנדיק די געטלאַכע נבואה, האָט דער האַר ישוע המשיח אָנגעהויבן זיין אויפגאַבע „צוגרייטן דעם וועג פאַר יהוה גאָט", און צו באַנייען פאַר זיינע געטרייע נאָכפאָלגער אויף דער ערד אַ קלאָרערע פאַרשטייעניש פון די פונדאַמענטאַלע אמתן, געפּריידיקט פון ישוע און זיינע אַפּאָסטאָלן, דידאָזיקע אמתע לערע, וואָס איז פאַר אַ סך יאָרהונדערטער געווען פאַרטונקלט דורך פאַלשע לערעם; און

אין אַנבאַטראַכט, אַז פון יענער צייט אָן האָט טשאַרלז ט. ראָסעל, אַן אמתער און געטרייער נאָכפאָלגער פון ישוע המשיח, און אַ קנעכט פון יהוה, געפירט אין משך פון מער ווי פערציק יאָר אַ גרופּע פון זיינע ברידער אין משיחן לויט דעם פּריידיקן און לויט דער לערע פונם געטלאַכן וואָרט, הויפּטזעכלאַך בנוגע דעם ווידערקומען פונם משיח, דער אויפריכטונג פון זיין מלוכה און דער ווידער־באַנייאונג פונם מענטשן צו פולקאָמענקייט אויף דער ערד; און כדי אָנצופירן די דערמאָנטע אַרבעט אויף אַן אָרדענונגפולן אופן, האָט די דערמאָנטע גרופּע פון אמתע קריסטן אָרגאַניזירט די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: די וואַכטורעם ביבל־ און טראַקטאַט־געזעל־

שאַפט", די „אינטערנאַציאָנאַלע ביבלפאָרשער־פאַרייניקונג", און די „פאָלקס־פולט־פאַרייניקונג", וואָס האָבן באַנוצט און באַנוצן נאָך איצט דידאָזיקע קערפּערשאַפטן צו פאַרעפנטלאַכן ביכער, צייטשריפטן און אַנדערע ביבלישע ליטעראַטור; און אין פאַרלויף פון דער צייט איז די דערמאָנטע גרופע פון אמתע קריסטן באַקאַנט געוואָרן אונטער די נעמען „ראָסעליטן", „אינטערנאַציאָנאַלע ביבלפאָרשער" און אַנדערע ענלאַכע נעמען; און

אין אָנבאַטראַכט, אַז באַלד נאָכן טויט פון טשאַרלז ט. ראָסעל איז אַנטשטאַנען אַ שפּאַלטונג צווישן יענע, וואָס זיינען געווען מיט אים פאַרבונדן אין די דערמאָנטע אַרבעטן, און דערביי האָט זיך אַ צאָל פון זיי אָפּגעטיילט פון דער „וואַכטורעם ביבל־ און טראַקטאַט־געזעלשאַפט" און האָט זיך אַנטזאַגט, זינט יענער צייט, מיטצואַרבעטן מיט דער דערמאָנטער געזעלשאַפט און איינצושטימען מיט די אמתן, וואָס די דערמאָנטע קאָרפּאָראַציעס האָבן פאַרעפנטלאַכט אין דער צייטשריפט „דער וואַכטורעם" און אין אַנדערע לעצטנס אַרויסגעגעבענע שריפטן, און האָבן זיך קעגנגעשטעלט און באַקעמפן נאָך איצט די טעטיקייטן פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט, וואָס דערקלערט די קעגנוואַרטיקע גוטע בשורה פון גאָטס קעניגרייך און פונם טאָג פון גאָטס נקמה אין אַלע טיילן פון שטנס איינריכטונג; און די דערמאָנטע קעגנער האָבן זיך פאַרייניקט אין פאַרשידענע און צאָלרייכע גרופּעס און האָבן זיך געגעבן און טראָגן איצט אַזעלכע נעמען ווי „ביבלפאָרשער", „פאַרייניקטע ביבלפאָרשער", „ראָסעליטן", „לערער פון דעם אמת, וואָס איז דערקלערט געוואָרן פון פאַסטאָר ראָסעל", „שטאַנדהאַפטיקע" און אַנדערע ענלאַכע נעמען, וואָס זיינען געצילט צו פאַראורזאַכן פלאָנטער און מיספאַרשטייעניש:

דערפאַר, כדי באַקאַנט צו מאַכן אונדזער אמתע שטעלונג, און גלויבנדיק, אַז דאָס איז אין איינקלאַנג מיט גאָטס ווילן, וואָס איז אויסגעדריקט אין זיין וואָרט, זיי עס איצט באַשלאָסן, צו פאַרעפנטלאַכן:

אַז מיר האָבן אַ גרויסע ליבע פאַרן ברודער טשאַרלז ט. ראָסעל צוליב זיין אַרבעט, און מיר אָנערקענען מיט פרייד, אַז

דער האר האָט אים באַנוצט און פיל געבענטשט זיין ארבעט; דאָך קאָנען מיר ניט, קאָנסעקוועגט מיט גאָטס וואָרט, צו־שטימען, אַז מיר זאָלן ווערן גערופן „ראָסעליטן"; אַ חוץ דעם, די „וואַכטורעם ביבל־ און טראַקטאַט־געזעלשאַפט", די „אינטערנאַציאָנאַלע ביבלפאָרשער־פאַריייניקונג" און די „פאָלקס־פולט־פאַריייניקונג" זיינען בלויז נעמען פון קאָרפּאָראַציעס, וואָס מיר, אַלס אַ גרופּע פון אמתע קריסטן, באַזיצן, קאָנטראָלירן און באַנוצן כדי דורכצופירן אונדזער ארבעט אין געהאָרכזאַמקייט צו גאָטס געבאָט; דאָך קיין שום פון די־דאָזיקע נעמען קאָן ניט מיט רעכט געגעבן ווערן אונדז, אַלס אַ קערפּערשאַפט פון תלמידים, וואָס פאָלגן נאָך די פוסטריט פון אונדזער האר און לערער ישוע המשיחן; אַז מיר פאָרשן די ביבל, אָבער אַלס אַ קערפּערשאַפט און פאַריייניקונג פון קריסטן אַנטזאָגן מיר זיך, אָנצונעמען אָדער צו ווערן גערופן מיט דעם נאָמען „ביבלפאָרשער" אָדער ענלאַכע נעמען אַלס אַ מיטל צו אידענטיפיצירן אונדזער אמתע שטעלונג אין אַנ־געזיכט פון אונדזער האר, און מיר אַנטזאָגן זיך צו ווערן גע־רופן מיט אַ נאָמען פון וועלכן ניט איז מענטשן;

אַז מיר זיינען אויסגעלייזט געוואָרן מיט דעם טייערן בלוט פון אונדזער האר און דערלייזער, גערעכטפאַרטיגט און געבוירן פון יהוה גאָט און באַרופן צו זיין קעניגרייך, און ציינערן ניט צו דערקלערן, אַז מיר זיינען אונטערטעניק און איבערגעגעבן צו יהוה גאָט און זיין מלוכה; אַז מיר זיינען יהוהס קנעכט, וואָס זיינען גערופן געוואָרן צו טאָן אַן ארבעט אין זיין נאָמען, נעמלאָך, איבערצוגעבן די מענטשן דאָס עדות־זאָגן פון ישוע המשיחן און פאַר זיי באַקאַנט צו מאַכן אַז יהוה איז דער אמתער און אַלמעכטיקער גאָט; דערפאַר נעמען מיר אָן מיט פרייד דעם נאָמען, וואָס דאָס מויל פון האר האָט אָנגערופן, און אונדזער וואונטש איז באַקאַנט צו זיין און גע־רופן צו ווערן מיטן נאָמען: יהוהס עדות. — ישעיה מ"ג: 10—12; ס"ב: 2; אַנטפּלעקונג י"ב: 17.

אַלס יהוהס עדות איז עס אונדזער איינציקער פאַרלאַנג און איינציקע שטרעבונג צו זיין אינגאַנצן געהאָרכזאַם זיינע געבאָט; באַקאַנט צו מאַכן, אַז ער איז דער איינציקער אמתער און אַל־

מעכטיקער גאָט; אַז זיין וואָרט איז וואָר, און אַז זיין נאָמען איז ווירדיק צו ווערן געלויבט און פאַרהערלאַכט אויף אייביק; אַז ישוע המשיח איז גאָטס מלך, וואָס ער האָט דערהויבן אויפן טראָן פון פולמאַכט; אַז זיין מלוכה איז איצט געקומען; אַז עס איז אונדזער פליכט, אין געהאָרכזאַמקייט צו די געבאָט פון האַר, אָנצוזאָגן דידאָזיקע גוטע בשורה אַלס אַ באַווייז און עדות־זאָגן פאַר אַלע נאַציעס, און אויפצוקלערן די הערשער און דאָס פאָלק וועגן דעם שטנס גרויזאַמע און אונטערדריקערישע איינריכטונג און אויפמערקזאָם צו מאַכן, הויפטזעכלאַך, אויף דער „קריסטנשאַפט", וואָס איז דער גאָטלאָזער און אָפּשייַלאַכסטער טייל פון זיין זעבאַרער אָרגאַניזאַציע, און זיי אָנזאָגן גאָטס באַשלוס צו פאַרניכטן איינגיכן דעם שטנס איינריכטונג, און אַז נאָך דערדאָזיקער גרויסער אַרבעט פון צעשטערונג וועט ישוע המשיח, דער קעניג, תכף ברענגען שלום, וואוילשטאַנד, מזל, ברכה, פרייהייט, געזונט, גליק און אייביק לעבן צו אַלע געהאָרכזאַמע מענטשן פון דער ערד; און ווייטער זיי אָנזאָגן אַז גאָטס קעניגרייך איז די האָפענונג פון דער וועלט, און אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדערע האָפענונג; און דידאָזיקע בשורה מוז ווערן איבערגעגעבן דורך די, וואָס זיינען אידענטיפיצירט געוואָרן אַלס יהוהס עדות.

מיר לאַדן איין יעטוועדן מענטשן, וואָס איז אינגאַנצן איבערגעגעבן צו גאָט און זיין מלוכה, אָנטייל צו נעמען אין דעם פאַרשפרייט פון דערדאָזיקער גוטער בשורה צווישן אַנדערע מענטשן, כדי דעם האַרס גערעכטע פאָן זאָל ווערן דערהויבן און די פעלקער פון דער וועלט זאָלן קאָנען וויסן, וואו זיי קאָנען געפינען דעם אמת און האָפענונג אויף הילף; און, נאָך מער פון אַלץ, אַז יהוהס גרויסער און הייליקער נאָמען זאָל ווערן גערעכטפאַרטיקט און דערהויבן.

וואָרנונג צו דער קריסטנשאַפט

דידאָזיקע בשורה מוז אָנגעזאָגט ווערן איבער דער גאַנצער וועלט, און דאַן וועט קומען דער לעצטער סוף.

— מתתיהו כ״ד: 14, 21, 22.

גאָטס משפּט איבער דער „קריסטלאַכער" וועלט

„פאַר דער שווערד האָט איר מורא געהאַט; און אַ שווערד וועל איך ברענגען אויף אייך, זאָגט גאָט דער האַר. דורך דער שווערד וועט איר פאַלן." — יחזקאל י"א: 8, 10.

רעגירער

יהוה גאָט איז דער גרויסער גייסט, „וואָס וואוינט אין דעם ליכט, וואָס צו אים קאָן קיין שום מענטש ניט צוקומען, וואָס קיין מענטש האָט ניט געזען און קאָן ניט זען", דער הייליקער און איינציקער געוועלטיקער, אין וועמען עס רוט די העכסטע קראַפט. (טימותיוס א, ו׳ : 16,15) ישוע המשיח איז דאָס אויסדריקלאַכע אָפּבילד פון יהוה, ער איז דער יורש פון אַלצדינג און ער איז גאָטס באַשטימטער און געזאַלבטער מלך פון דער וועלט. — עברים א׳ : 2—4.

דאָס קעניגרייך ווערט מיט רעכט גערופן גאָטס מלוכה, ווייל עס איז זיין שאַפונג און די גאַנצע מאַכט און קראַפט פון דער מלוכה קומט פון גאָט. די מלוכה ווערט אויך גערופן דעם משיחס קעניגרייך, ווייל ישוע המשיח איז דער געזאַלבטער מלך, וואָס יהוה האָט דערהויבן אויף זיין טראָן. (לוקאַס כ״ב : 28—30 ; תהלים ב׳ : 6) קיין מענטשלאַך אויג קאָן ניט ווען ניט איז זען דעם פאַרהערלאַכטן, הימלישן ישוע המשיחן, ווייל ער איז אַ גייסט, און אויגן פון מענטשן קאָנען ניט זען אַ גייסטוועזן. (יוחנן ט״ז : 16) ווער אָבער וועלן זיין די זעבאַרע רעגירער אויף דער ערד, וואָס וועלן האַנדלען אין נאָמען פון משיח פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער מענטש-הייט ?

דער ריכטיקער ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע איז פון זייער גרויסער וויכטיקייט, און דערדאָזיקער ענטפער מוז זיין אינגאַנצן אונטערשטיצט פון דער הייליקער שריפט. דער ענטפער וועט דאָ געגעבן ווערן צוערשט אין קורצן און דער-נאָך וועט געגעבן ווערן דער באַווייז, וואָס וועט איבערצייגן, אַז דער ענטפער איז ריכטיק.

די רעגירער אָדער פאַרוואַלטער פון דער ערד אין דער צייט פון משיחס ממשלה, וואָס וועלן זיין די פאַרטרעטער פון ישוע המשיח, דעם גרויסן מלך, און וועלן האַנדלען אין איינ-

קלאַנג מיט זיינע באַפעלן, וועלן זיין די אמתע, גלויביקע און געטרייע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט און זיינען געשטאָרבן פולשטענדיק געטריי צו גאָט, איידער ישוע האָט געגידערט אויף דער ערד מיט 1900 יאָר צוריק. צווישן יענע געטרייע רעגירער אָדער פאַרוואַלטער פונם משיח וועלן זיין הבל, חנוך, נח, אברהם, יצחק, יעקב, משה, גדעון, יפתח, שמשון, שמואל, דוד און אַלע געטרייע נביאים. — עברים י״א.

דידאָזיקע מענטשן זיינען זינט יאָרהונדערטער געווען טויט, אָבער אין גאָר אַ קורצער צייט אַרום וועלן זיי זיין דער־וואַכט פון טויט און וועלן פאַרנעמען זייערע פאַראַנטוואָרט־לאַכע אַמטן אויף דער ערד אַלס פאַרטרעטער פון גאָטס מלוכה. זיי וועלן אויפשטיין תחית־המתים, פּערפעקט אין קערפּער און אין גייסט; זיי וועלן זיין ערלאַך און געטריי און אינגאַנצן איבערגעגעבן דער גערעכטיקייט, און זיי וועלן כסדר האַנדלען גערעכט און אין די אינטערעסן פון פאָלק, ווייל דער האר וועט אָנפירן מיט זייערע האַנדלונגען.

עס איז זייער שווער פאַר מענטשן צו באַגרייפן און פול־שטענדיק אָננעמען דאָס איבעראַשנדיקע גלויבן, אַז גוטע, ערלאַכע, וואָרהאַפטיקע און גערעכטע מענטשן וועלן פאַר־וואַלטן און אָנפירן די ענינים פון דער רעגירונג אויף דער ערד צווישן מענטשן, און אַז זיי וועלן קענען קיינעם ניט באַ־גיין קיין אומגערעכטיקייט. פאַר מענטשן איז דאָס שווער צו גלויבן, ווייל אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער זיינען די רעגירער פון דער ערד געווען באַהערשט פון אומגע־רעכטיקייט און אומערלאַכקייט. אָבער ווי נאָר דאָס פאָלק וועט אָנהייבן איינצוזען און שעצן דעם אמת, וועט עס באַ־פרייט ווערן פון דעם אומגעהיירן יאָך. אומערלאַכקייט, אונ־טערדריקונג און געזעצלאָזיקייט האָבן אַזוי לאַנג געהערשט אויף דער ערד, אַז די מערסטע מענטשן מיינען, אַז עס מוז שוין אייביק אַזוי בלייבן. אָבער דער טאָג פון אונטערדריקונג איז שוין באַלד פאַרענדיקט, און ער וועט זיך קיינמאָל ניט צוריק־קערן. (נחום א׳: 9) כדי מען זאָל קאָנען אָפּשאַצן דידאָזיקע דערקלערונג און באַהויפּטונג, אַז אין משיחס קעניגרייך וועט אייביק הערשן גערעכטיקייט, איז עס נויטיק, אַז מען זאָל צו־

ערשט פאַרשטיין פאַרוואָס אומערלאַכקייט און גנזעצלאָזיקייט איז לכתחילה צוגעלאָזן געוואָרן. די אורזאַך ווערט קלאָר באַווויזן אין דער הייליקער שריפט, און ווערט דאָ ווייטער אָנגעגעבן.

יהוה גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן, אָדמען, אַ פולקאָמענעם און האָט געמאַכט די ערד פאַר דעם מענטשנס היים. (ישעיה מ"ה: 12, 18) אָדם איז געווען פולקאָם און דער הויפּט פון גאָטס באַשעפענישן אויף דער ערד. (דברים ל"ב: 4) די גאַנצע שאַפונג פון דער ערד, אַריינרעכנדיק דעם מענטשן, איז באַשטאַנען פון אַ טייל פון גאָטס אײנריכטונג און איז געשטעלט געוואָרן אונטערן דירעקטן אויפזיכט פון דעם מלאך הילל, דאָס הייסט דעם העל-לויכטנדיקן, דעם גלאַנץ-שטערן, דעם ליכטיקן מאָרגנשטערן, וואָס ווערט אויך גערופן לוציפער. די הייליקע שריפט באַצייכנט אים אַלס אַ „געזאַלבטן, באַשירמענדיקן כרוב”, דאָס הייסט, אַלס איינעם, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן פולמאַכט איבער אַנדערע. (יחזקאל כ"ח: 13—15; ישעיה י"ד: 12—14) דער מענטש, זייענדיק יהוהס באַשאַף, און דערהאַלטנדיק זיין לעבן פונם אַלמעכטיקן, איז עס געווען דעם מענטשנס פריווילעגיע און פליכט צו זיין געטריי, אויפריכטיק און פולשטענדיק אונטערטעניק צו יהוה גאָט. לוציפער האָט געוואָלט זיך מאַכן גלייך מיט דעם אויבערשטן און האָט דערפאַר באַגערט, אַז די מענטשן זאָלן בלויז אים אַליין ברענגען זייער אונטערטעניקייט און איבערגעבנקייט. כדי צו דערגרייכן זיין פאַרלאַנג האָט לוציפער רעבעלירט קעגן גאָט און האָט צוגערעדט דעם מענטשן, צו ווערן אומגעטריי צו גאָט און אונטערטעניק לוציפערן. פאַר דיזאָזיקע זינד איז דער מענטש פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אַלע קינדער, וואָס זיינען דערנאָך געבוירן געוואָרן פון אָדמען און חוהן האָבן געירשנט די ווירקונגען פון דער עבירה פון זייערע עלטערן, און אַלע זיינען דערקלערט געוואָרן אומפולקאָמענע אָדער זינדער. (תהלים נ"א: 5; רוימער ה': 12) אָדם אַלס אַ פולקאָמענער מענטש איז ניט געבליבן געטריי צו גאָט, האָט לוציפער דערפאַר געוואַגט אַרויסצופאָדערן גאָט צו באַווייזן אים אַזאַ מענטשן אויף דער ערד, וואָס וואָלט

געבליבן איבערגעגעבן גאָט און וואָלט געוועזן געטריי צו גאָט אַפילו אין דער שווערסטער פּריוואַונג. יענע חוצפּהדיקע אַרויספאָדערונג האָט אַזוינאָך באַשטריטן יהוהס וואָרט און נאָמען אַלס די העכסטע מאַכט אין דעם אוניווערז. גאָט וואָלט גלייך אויפן אָרט געקאָנט טויטן דעם שטן; אָבער דאָס וואָלט ניט דערליידיקט די שטרייטיקע פראַגע אין די געדאַנקען פון די אַנדערע באַשעפענישן. דערפאַר האָט גאָט גנעדיק דערלויבט דעם מורד־במלכות אָנצואווענדן זיינע גרעס־טע אָנשטרענגונגען צו באַווייזן און איבערצייגן זיין אַרויסרוף. אַזוינאָך האָט יהוה אָנגענומען דעם שטנס אַרויסרוף און האָט אָפּגעוואָרט די ריכטיקע צייט, צו באַווייזן דעם גאַנצן באַשאַף, אַז ער איז דער איינציקער אמתער גאָט, דער אויבערשטער, וואָס איז מעכטיקער פון אַלע און איז דער איינציקער קוואַל פון לעבן.

נאָך דעם אויפשטאַנד האָט גאָט פאַרביטן לוציפערס אָדער הילַלס נאָמען און אים געגעבן די נעמען שטן, טייוול, שלאַנג און דראַכן, און פון דאַמאָלסט אָן איז ער באַקאַנט אונטער דידאָזיקע נעמען. דידאָזיקע נעמען אַליין זאָגן אָן דעם גאַנצן באַשאַף, אַז דער טייוול איז גאָטס שונא. דאַמאָלסט האָט גאָט דערקלערט זיין באַשלוס צו באַשאַפן אַ „זאָמען", וואָס וועט אין דער באַשטימטער צייט פאַרניכטן דעם שטן און זיין רשעותדיקע אָרגאַניזאַציע אָדער איינריכטונג און וועט איינפירן אַ ממשלה פון גערעכטיקייט. דערדאָזיקער צוזאָג איז געווען אַ געהיימניש, וואָס איז ניט פאַרשטאַנען געוואָרן פאַר לאַנגע דורות נאָך דעם ווי די הבטחה איז גע־געבן געוואָרן. אָבער איצט איז עס געוואָרן קלאָר אַנט־פּלעקט, אַז לויט דעם סימבאָלישן לשון פון דער הייליקער שריפט איז גאָט דער „מאַן" פון זיין איינריכטונג, וואָס איז זיין „ווייב", און דער „זאָמען", וואָס איז געבוירן פון דעמ־דאָזיקן „ווייב" (דאָס הייסט, פון גאָטס איינריכטונג), איז דאָס קעניגרייך, פון וועלכן ישוע המשיח איז דער הויפּט אָדער דער מלך און דער הערשער פון דער ערד. אָבער איידער די מלוכה קאָן אָנהייבן צו הערשן, האָט נאָך באַדאַרפט גע־

טאָן ווערן אַן אַנדער גרויסע זאַך, און יהוה האָט עס טאַקע געטאָן. דידאָזיקע זאַך איז דאָס פאָלגנדיקע:

דער מענטש וואָלט צוליב זיינע זינד געווען פאַרמשפּט צו אייביקער פאַרניכטונג, סיידן עס וואָלט באַשאַפן געוואָרן אַן אופן ווי אַזוי דעם מענטשן אויסצולייזן פון טויט. בלויז גאָט אַליין האָט געקאָנט דאָס פאַרווירקלאַכן, ווייל אַזאַ אויסלייז האָט נאָר געקאָנט געשען צוליב דעם פרייוויליקן טויט פון אַן אַנדער פּערפעקטן מענטשן אָנשטאָט אָדם־הראשונען. דערפאַר איז ישוע געשיקט געוואָרן אויף דער ערד און איז געמאַכט געוואָרן אַ מענטש פון פלייש און ביין, געבוירן פון אַ ווייב, און ער האָט געלעבט צווישן מענטשן אַזוי ווי אַנדערע מענטשן. (יוחנן א׳:14; גאַלאַטער ד׳:4) אַלס אַ מענטש האָט ער זיך פרייוויליק געלאָזט ברענגען צום טויט אַלס קרבן, אַלס אַ במקום פאַר אָדמען, דעם זינדער, און דורכדעם האָט ער צוגעגרייט דעם אויסקויף־פּרייז אָדער דאָס אויסלייז־געלד צו באַפרייען דעם מענטשן פון דעם טויט און פון זיינע ווירקונגען. דערפאַר ווערט דער טויט פון דעם פולקאָמענעם מענטשן, ישוע המשיחן, דערמאָנט אין די כתובים־קדשים אַלס דאָס גרויסע אויסקויף־אָפּפער, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַרן וואוילשטאַנד פון אַלע מענטשן. (עברים ב׳:8, 9; יוחנן ג׳:16,17) ישוע האָט געגעבן זיין לעבן אַלס מענטש כדי די מענטשן זאָלן ווידער האָבן דאָס רעכט צו לעבן. — מתתיה כ׳:28; יוחנן י׳:10; ו׳:48—51.

איידער ישוע איז אויף אַ האָלץ געהאַנגען געוואָרן, האָט גאָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן דער קעניג פון דער וועלט. (לוקאַס כ״ב:28־30) ישוע האָט געזאָגט צו זיינע געטרייע נאָכפאָלגער, אַז זיי וועלן מיט אים צוזאַמען הערשן אין זיין מלוכה, און אַז אין אַ געוויסן טאָג אין דער צוקונפט וועט ער צוריקקומען פון הימל, זיי אויפנעמען צו זיך, כדי זיי זאָלן זיין מיט אים, און אויפשטעלן זיין קעניגרייך. (יוחנן י״ד: 1־4.) יהוה האָט ישוען דערוועקט פון טויט, האָט אים געגעבן לעבן און אומשטערבלאַכקייט, אים אַרויפגענומען אין הימל און אים געגעבן אַ נאָמען, וואָס איז העכער איבער אַלע אַנדערע נעמען, און דאַן האָט ער אים געהייסן

וואַרטן, ביז עס וועט קומען גאָטס באַשטימטע צייט צו צעשטערן דעם פיינד און אים מאַכן פאַר משיחס פוסבענקל. (פיליפּער ב׳:5—11; תהלים ק״י:1, 2; עברים י׳:13) דאָס צווייטע קומען פונם משיח און דאָס אויפשטעלן זיין מלוכה איז דערפאַר געווען די גרויסע געשעעניש, וואָס אויף איר האָבן אמתע קריסטן געהאָפט און געהאָפט מיט ברענענדיקסטער דערוואַרטונג. די צייט פון זיין צוריקקומען איז איצט דאָ, ישוע המשיח איז צוריקגעקומען, גאָט האָט אים אַרויפגעפירט אויף זיין טראָן, און ער האָט אָנגעהויבן צו הערשן.—תהלים ב׳:6.

אין משך פון דער לאַנגער צייט, פון דעם גן־עדן אָן ביזן אויפשטעלן פון גאָטס קעניגרייך, האָט דער שטן געהאַט זיין איינענעם וועג, ווייל גאָט האָט אים ניט געשטערט צו טאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. יהוה האָט דערמיט אויסגעשיינלאָך באַצוועקט צו לאָזן דעם שטן טאָן דאָס ערגסטע, וואָס ער איז אימשטאַנד, כדי, גלייך ווי די באַשטימטע צייט וועט נאָר קומען, אים צאַמען און פאַרניכטן זיין מאַכט; און דאָס וועט אויף אייביק אָפּהאַלטן אַלע מיילער צו זאָגן, אַז דער שטן האָט ניט געהאַט קיין פולע געלעגנהייט צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין אַרויסרוף, אַז קיין מענטש קאָן ניט בלייבן געטריי און איבערגעגעבן צו יהוה גאָט. אין דערדאָזיגער לאַנגער צווישנצייט האָבן מענטשן אָרגאַניזירט רעגירונגען און פּרובירט צו רעגירן. צווישן זיי זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך באַמיט אויפצושטעלן אַ בעסערע און אַפילו אַן אידעאַלע רעגירונג; אָבער זיי אַלע האָבן פולשטענדיק פאַרפעלט דאָס צו דערגרייכן, און זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם טייוולס פאַרדאַרבענדיקן און ליסטיקן איינפלוס, ווייל זיי זיינען ניט געווען פולשטענדיק איבערגעגעבן צו גאָט און האָבן ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן דעם טייוול. די מערסטע מענטשן פון דער וועלט זיינען געווען אָנהענגער פון וועלכער ניט איז טייוול־רעליגיע, האָבן אַזוינאָך געלעבט אין טייוול־פאַרגעטערונג און האָבן פאַרפעלט צו זיין אונטערטעניק און איבערגעגעבן צו גאָט. אָבער עס זיינען געווען עטלאַכע אויסנאַמען; און די־

דאָזיקע געטרייע, גלויביקע מענטשן זאָלן איצט באַטראַכט ווערן.

געטרייע מענטשן

יהוה דערמאָנט מיט באַזונדער אָנערקענונג דריי מענטשן, נעמלאַך, נחן, דניאלן און איובן, און ער רופט זיי טוער פון גערעכטיקייט. (יחזקאל י״ד 14, 20.) די דאָזיקע דריי מענטשן זיינען געווען, אָן צווייפל, גייסטיק און קערפערלאַך ניט בעסער פון אַנדערע מענטשן. וואָס דען איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס זיי האָבן געפונען חן אין יהוהס אויגן און זיינען פון אים געלויבט געוואָרן? געווים ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן אפשר „אַנטוויקלט אַ כאַראַקטער" (אַזוי ווי טייל מענטשן פלעגן עס רופן), ווייל קיינער קאָן זיך ניט מאַכן פולקאָם פון זיך אליין.

אין די אַזוי־גערופענע „קירכן־אָרגאַניזאַציעס" האָט מען פאַר אַ לאַנגער צייט געלערנט די מענטשן, אַז מען מוז, כדי צו געפעלן גאָט, אויסזען זייער פרום און רעדן מילד און שטיל, אַזוי אַז אַנדערע מענטשן, וואָס באַטראַכטן אַזאַ מין פרומען אין אויסזען און דרויסנדיקן אויפפיר זאָלן קאָנען זאָגן: „אָ, וואָס פאַראַ גוטער מענטש ער איז; ער איז אודאי רייף פאַרן הימל!" אַזאַ פרומער מענטש פלעגט זיך היטן עפעס צו טאָן, וואָס וואָלט געקאָנט באַליידיקן עמעצן, און דערפאַר פלעגן זיי זיך אָפּהאַלטן עדות צו זאָגן וועגן גאָטס באַשלוס, אפילו ווען ער האָט גוט געוואוסט וועגן דעם.

די דריי דערמאָנטע מענטשן האָבן געפונען חן אין גאָטס אויגן, ווייל זיי זיינען געווען געטריי צו גאָט און אים איבערגעגעבן און ווייל זיי האָבן מיט זיינע שונאים ניט געמאַכט קיין שום קאָמפּראָמיסן. מענטשן, וואָס זיינען אומערמידלאַך געגאַנגען דעם וועג פון איבערגעגעבנקייט צו גאָט זיינען קיינמאָל ניט געווען באַליבט אויף דער וועלט, און אַזוי אויך ניט די דריי דערמאָנטע מענטשן, וואָס האָבן געקראָגן דעם האַרס אָנערקענונג. נח האָט פאַר פילע יאָרן אָנגעזאָגט די מענטשן דעם אמת וועגן גאָטס קומענדיקן צאָרן, וואָס האָט געזאָלט קומען איבער זיי דורכן גרויסן מבול און

וועלעכר איז טאַקע געקומען; אָבער קיינער, אַ חוץ זיינע
פאַמיליע, האָט ניט געהאַט קיין פריינדלאַך געפיל צו אים.
אין קעגנטייל, די מענטשן האָבן אים פאַרשפּאָט און פאַר־
לאַכט, אָבער, ניט קוקנדיק אויף אַלע יענע פאַרלוימדונגען
און פאַרפאָלגונגען, איז נח געבליבן געטריי יהוהן און האָט
זיך קיינמאָל ניט אָפּגעקערט פון גערעכטיקייט.

דניאל איז געבליבן געטריי צו גאָט אונטער אַלע אומ־
שטענדן. ער האָט קיין מורא ניט געהאַט אָנצוזאָגן די הער־
שער און דאָס פאָלק דעם אמת, און ער האָט זיך אַנטזאַגט
איינצוגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט וועלכער ניט איז באַ־
שעפעניש פון דעם שטנס איינריכטונג. דניאלס דריי חברים
זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן אין דעמדאָזיקן צוזאַמענ־
האַנג. זיי האָבן, אָן צווייפל, געהאַנדלט אַזוי ווי דניאל
האָט זיי געראָטן. דידאָזיקע מענטשן זיינען געווען אין גע־
פאַנגענשאַפט אין בבל. דער מלך פון בבל האָט אַרויסגע־
געבן אַ באַפעל, אַז ביים קלאַנג פון דער מוזיק מוז יעט־
ווער מענטש זיך בוקן און דינען אַ גאָלדן געצנבילד, וואָס
איז געוואָרן אויפגעשטעלט לכבוד דעם טייוול, און אַז יענע,
וואָס וועלן זיך ניט אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן באַפעל, זאָלן
לעבעדיקערהייט פאַרברענט ווערן. דניאלס דריי חברים האָבן
זיך אַנטזאַגט צו בוקן, ווייל דאָס צו טאָן וואָלט באַוויזן, אַז
זיי זיינען ניט געטריי צו גאָט. און פאַר דעם זיינען זיי
אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ ברענענדיקן אויוון; אָבער
גאָט האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט.

ווען אין דער היינטיקער צייט שפּילט אַ מוזיק־קאַפּע־
ליע „גאָד סייוו דהי קינג”, אָדער אַן אַנדער נאַציאָנאַלן הימן,
הייבן זיך אויף פון זייערע פלעצער פילע מענטשן, וואָס באַ־
הויפּטן זייער איבערגעבנקייט צו גאָט. זיי טוען דאָס אָן
איבערטראַכטן אַזוי ווי די אַנדערע, און דערמיט אָנערקענען
זיי אַ פאָרם פון מענטש־פאַרהערלאַכונג; און דאָס איז אַזוי
גוט ווי אָנערקענען דעם שטנס אָרגאַניזאַציע. אַזעלכע מענטשן
פאַרענטפערן זיך, זאָגנדיק: „איך קאָן דאָס טאָן, האָבנדיק
דערביי אין זינען, אַז איך מיין דאָס ניט”. אָבער דערמיט
טאַקע גייט מען איין אויף אַ קאָמפּראָמיס כדי מענטשן וואויל־

צוגעפעלן. דניאלס דריי חברים האָבן זיך אנטזאגט דאָס צו טאָן; דאָס האָט געפונען חן אין גאָטס אויגן, און ער האָט זיי באַפרייט. — דניאל ג׳:1־26.

דער קעניג האָט אַרויסגעגעבן נאָך אַן אַנדער באַפעל, אַז אין משך פון אַ געוויסער צייט טאָר קיין מענטש זיך ניט ווענדן צו קיינעם מיט אַ בקשה, אַ חוץ צום מלך. דניאלס שונאים האָבן דערמיט געצילט אים צו כאַפּן ווען ער וועט טאָן תפלה צו יהוה, כדי אים פאַרמשפּטן צום טויט פאַר זיין איבערטרעטן דעם קעניגלאַכן פאַרבאָט. דניאל האָט געקאָנט זאָגן: „איך וועל טאָן תפלה צו גאָט אין געהיים, כדי דער מלך זאָל ניט אויסגעפינען, אַז איך טו תפלה צו יהוה". אָבער דניאל האָט ניט אַזוי געהאַנדלט. גראָד פאַרקערט, ער האָט געקניט ביים אָפענעם פענצטער, וואו ער האָט געקאָנט ווערן געזען פון יעדן איינעם, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, און ער האָט געטאָן תפלה צו גאָט. ער האָט זיך אַנטזאָגט איינצוגיין דירעקט אָדער אינדירעקט אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט וועלכן ניט איז טייל פון דעם שטנס איינריכטונג. פאַר דעמדאָזיקן איבערטרעטן דעם מלכס באַפעל האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין דעם לייבן־גרוב, וואו די חיות וואָלטן אים אין איין כהרף־עין צעריסן, אויב דער אַלמעכטיקער וואָלט אים ניט דורך אַ נס מציל געווען. יהוה האָט געשטילט דעם גרימצאָרן פון די ווילדע חיות און האָט אַרויסגעפירט דניאלן אומבאַשעדיקט. (דניאל ו׳:1־23.) עס איז געווען דניאלס געטרייקייט און שטאַנדהאַפטיקע און אומקאָמפּראָמיסלאַכע איבערגעבנקייט צו יהוה, וואָס האָט אים געבראַכט גאָטס הסכמה און ישועה.

איוב איז געווען אַ זייער רייכער מאַן און אינגאַנצן איבערגעגעבן צו גאָט. דאָס האָט געבראַכט דעם שטן אין כעס, און ער האָט אַרויסגעפאָדערט גאָט, אים צו דערלויבן אויסצופּרובירן איובן, און דער שטן האָט זיך גערימט, אַז עס וועט אים געלינגען צו מאַכן איובן שעלטן גאָט אין זיין פּנים אַריין, און אַז קיין איינציקער מענטש קאָן ניט בלייבן געטריי צו גאָט, ווען ער ווערט אונטערוואָרפן געוויסע פּריוון. יהוה גאָט האָט אָנגענומען דעמדאָזיקן אַרויסרוף און האָט

דערלויבט דעם טייוול אונטערצוואַרפן איובן אונטער אויסערגעוויינלאַך שווערע ניסיונות. די איינצלהייטן פון יענע ניסיונות און דער סוף דערפון זיינען פאַרצייכנט אין דער ביבל, אינם בוך איוב. א פולשטענדיקע דערקלערונג וועגן דעם ווערט געגעבן אין דעם בוך „לעבן". איר דאַרפט לייענען דאָסדאָזיקע בוך „לעבן". אין אַלע זיינע גרעסטע צרות און יסורים, וואָס זיינען באַפאַלן איובן, איז ער געבליבן שטאַנדהאַפטיק געטריי צו גאָט און איז געבליבן פעסט אין זיין שטאַרקער אמונה. — איוב ב׳: 3.

דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס דער האַר דערמאָנט דידאָזיקע מענטשן צום גוטן. ער וויל מאַכן קלאָר און פאַרשטענדלאַך, אז מענטשן, וואָס בלייבן געטריי און איבערגעגעבן צו אים, אנטזאָגן זיך צו האָבן וועלכע ניט איז פאַרבינדונג מיט דעם שטנס איינריכטונג און בלייבן אונטער אַלע אומשטענדן געטריי, אויפריכטיק און וואָרהאַפטיק צו גאָט.

א סך מענטשן האָבן דערקלערט, אז זיי דינען גאָט און פאָלגן נאָך די פוסטריט פון ישוע; אָבער זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף א קאָמפּראָמיס, כדי צו געפעלן מענטשן, און דערפאַר זיינען זיי גאָט ניט געפאַלן. זיי דריקן אויס גרויס באוואונדערונג פאַר מענטשן און ווילן, אז מען זאָל זיי אויך באוואונדערן. אָבער „דאָס וואָס איז הויך צווישן מענטשן איז אַן אָפּשיילאַכקייט אין גאָטס אויגן." (לוקאַס ט״ז:15.) יענע, וואָס האָבן געקראָגן און קריגן גאָטס הסכמה גיבן ניט אָפּ מענטשן קיין כבוד, נייערט זיי פאַרערן גאָט און זיינען געטריי צו אים. אין דעם עלפטן קאַפּיטל פון דעם בריוו צו די עברים איז פאַרצייכנט די רשימה פון נעמען פון אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען געווען געטריי צו גאָט אונטער פאַרשיידענע שווערע אומשטענדן און זיינען פאַרבליבן שטאַנדהאַפטיק און זייער הארץ איז שטענדיק געווען לויטער פאַר גאָט דעם אויבערשטן. דער איינציקער אופן צו געפינען חן אין גאָטס אויגן, איז צו זיין פול מיט גלויבן און צו זיין געטריי צו גאָט. — עברים י״א:6.

נעמט איצט א ביבל און לייענט פאָרזיכטיק דאָס עלפ־
טע קאפיטל פון דעם בריוו צו די עברים. דאָרט וועט איר
געפינען א רשימה פון מענטשן, וואָס האָבן געפונען חן אין
גאָטס אויגן, ווייל זיי זיינען אלע געווען געטריי צו אים און
צו זיין מלוכה. זיי האָבן געוואוסט, אז גאָט האָט צוגע־
זאָגט אויפצושטעלן אין א געוויסער צייט א קעניגרייך; נאָר
זיי האָבן ניט געוואוסט ווען דאָס וועט זיין. אָבער זיי זיינען
געווען אנטשלאָסן צו בלייבן געטריי און אמתדיק צו גאָט און
צו זיין פולשטענדיק גרייט פאר דעם קעניגרייך, ווי נאָר עס
וועט קומען. זיי האָבן זיך אנטזאָגט איינצוגיין אויף א
קאָמפּראָמיס מיט דעם טייוולס כנופיא און אזוינאָך האָבן זיי
אָנגעהאלטן זייער געטרייקייט צו גאָט. „דידאָזיקע אלע
מענטשן זיינען געשטאָרבן אין גלויבן און האָבן ניט דער־
האלטן די הבטחות, נייערט זיי האָבן זיי פון וויטן געזען
און זיינען געווען איבערצייגט אין זיי, און האָבן זיי מיט
פרייד אָנגענומען, און האָבן צוגעגעבן, אז זיי זיינען געווען
פרעמדע און פילגער אויף דער ערד. — אָבער איצט באַ־
גערן זיי א בעסערע מלוכה, דאָס הייסט, א הימלישע. דערפאַר
שעמט זיך ניט גאָט צו הייסן זייער גאָט, וואָרים ער האָט
פאר זיי אָנגעגרייט א שטאָט". (עברים י"א: 13, 16.) אויס־
געדריקט אויף אן אנדער אופן מיינט עס: גאָט האָט צו־
געגרייט פאר דידאָזיקע געטרייע א פלאַץ אין זיין קעניג־
רייך. וואָס פאַר א פלאַץ איז דאָס?

דערדאָזיקער פלאַץ קאָן ניט זיין אינם הימל גופא, וואָרים
ווען ישוע המשיח איז געווען אויף דער ערד, זיינען די אלע
מענטשן געווען טויט, מיטן אויסנאַם פון יוחנן המטבל, און
ישוע האָט דערקלערט, אז קיינער פון זיי איז ניט געווען
אין הימל און וועט אויך קיינמאָל דאָרט ניט קאָנען זיין.
(יוחנן ג׳:13; מתתיה י"א:11.) פוילוס האָט געשריבן דאָס
בוך עברים; ער איז געווען איינער פון ישוע המשיחס גע־
טרייע שלוחים און איז, אלס גליד פון דער קעניגלאַכער פאַ־
מיליע, מיט אים אין הימל. נאָר די, וואָס זיינען ישועס גע־
טרייע נאָכפאָלגער פון דער צייט פון נאָך זיין טויט און זיין
אויפשטיין תחית המתים, קאָנען ווען ניט איז זיין אין הימל,

וואָרים ישוע המשיח איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, און ער האָט געעפנט דעם וועג פאַר אַנדערע אַרויפגענומען צו ווערן אין הימל. דער באַריכט אין עברים י״א: 39, 40, וועגן די געטרייע פון הבלן אָן ביז צום לעצטן פון די נביאים, וואָס זיינען געשטאָרבן איידער ישוע המשיח איז אויף אַ האָלץ געהאַנגען געוואָרן, און וועלכע זיינען נאָך טויט, ווערט דערקלערט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „די אַלע, הגם זיי האָבן געקראָגן אַ גוטן שם צוליב זייער גלויבן, האָבן ניט דערהאַלטן די הבטחה, וואָרים גאָט האָט אַ בעסערע זאַך פאַר אונדז [פּוילוס און אַנדערע, וואָס וועלן זיין מיט אים אין הימל] צוגעגרייט, כדי זיי זאָלן אָן אונדז ניט געמאַכט ווערן פולקאָם”. דאָס באַווייזט, אַז די הימלישע עדה מוז זיין פאַרפולט איידער די דערמאָנטע געטרייע, וואָס זיינען געשטאָרבן איידער ישוע המשיח האָט זיך מקריב געווען, קאָנען געמאַכט ווערן פולקאָם.

די דערקלערונג אין דעם אויבנציטירטן טעקסט באַווייזט דייטלאַך, אַז גאָט האָט צוגעגרייט פאַר יענע געטרייע מענטשן אַ געוויסן פּלאַץ אין פאַרבינדונג מיט זיין קעניגרייך, און אַזוי ווי דערדאָזיקער פּלאַץ קאָן ניט זיין אין הימל, מוז ער דאָך זיך ערגעץ וואו געפינען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין מלוכה. דער ריכטיקער ענטפער, אַזוינאָך, אויף דערדאָזיקער פראַגע איז, אַז יענע געטרייע מענטשן וועלן זיין די זעבאַרע רעגירער אויף דער ערד, און אַז ישוע המשיח, דער גרויסער מלך, וועט פאַרוואַלטן דורך זיי די ענינים פון דער ערד.

די הייליקע שריפט דערמאָנט אָפט דידאָזיקע געטרייע מענטשן אַלס די „אבות אין ישראל”, ווייל זיי זיינען געווען געטריי און איבערגעגעבן דעם בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט די בני־ישראל. ווען דעם משיחס מלוכה וועט הערשן, און דידאָזיקע רעגירער וועלן פאַרטרעטן זיין קעניגרייך, דאַן וועלן זיי מער ניט גערופן ווערן „פאָטערס אין ישראל”. וועגן דעם האָט געשריבן גאָטס נביא אַזוי ווי פאָלגט אין תהלים מ״ה: 16: „אָנשטאָט דיינע פאָטערס וועלן זיי זיין דיינע קינדער, דו וועסט זיי מאַכן פאַר פירשטן אויף

דער גאַנצער ערד״. זיי וועלן זיין גאָטס קינדער דורך ישוע המשיחן, וואָרים יהוה איז דער געבער פון לעבן, און ער גיט דאָס לעבן דורכן משיח. (רוימער ו׳: 23.) דאָס וואָרט „פירשט״, געברויכט אין דעם אויבנאָנגעגעבענעם קאַפּיטל תהלים, באַדייט אַ רעגירער אָדער איינער, וואָס הערשט אונטער אַ קייסער אָדער אַ קעניג. דער שטן איז אַ לאַנגע צייט געווען דער אומזעבאַרער האַר אָדער הערשער פון דער איצטיקער בייזער וועלט. ער האָט רעגירט מיט רשעות און איז געווען פאַרטראָטן אויף דער ערד דורך אומפּולקאָמענע און שלעכטע מענטשן. איצט אָבער האָט גאָט דערהויבן זיין מלך, ישוע המשיחן, אויף זיין טראָן, און ער וועט הערשן מיט גערעכטיקייט. די הערשער פון דער ערד זיינען געווען דורות נאָכאַנאַנד, באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, אונטערן איינפלוס פונם טייוול, און דערפאַר זיינען זיי געווען באַדריקער און דעספּאָטן. איצט איז די פראַגע, ווי וועלן דעם משיחס, דעם גערעכטן קעניגס שטעלפאַרטרעטער הערשן? יהוה ענטפערט אויף דער פראַגע מיט פאָלגנדיקע ווערטער (ישעיה ל״ב: 1): „זע, מיט רעכטפאַרטיקייט וועט רעגירן דער קעניג [ישוע המשיח], און פירשטן [שטעלפאַרטרעטער] וועלן הערשן מיט גערעכטיקייט״. אונטער דעם שטנס ממשלה זיינען די זעבאַרע הערשער אָדער שטעלפאַרטרעטער פון דער איצטיקער וועלט געווען אָפט געמיינע און נידערטרעכטיקע מענטשן, וואָס האָבן געטאָן רשעות און האָבן גערעדט שלעכטס אויף גאָט, און דערביי פלעגן זיי זיין אונטערשטיצט פון די רעליגיעזע פירער פון דער „קריסטלאַכער וועלט״, פון די גייסטלאַכע, וואָס האָבן דערקלערט, אַז די־דאָזיקע הערשער האָבן אַ געטלאַך רעכט צו רעגירן. אַזאַ צושטאַנד וואָלט ניט געקאָנט מעגלאַך זיין אונטער דעם משיחס גערעכטער רעגירונג; ווייל דאַן „וועט מען דעם געמיינעם מער ניט רופן איידלמאַן, און אויפן גייציקן וועט מען ניט זאָגן מער נדבן.״—ישעיה ל״ב: 5.

פולקאָמענע רעגירער

אַלע גוטוויליקע מענטשן, וואָס האָבן אַן אויפריכטיק האַרץ, האָבן פאַר אַ לאַנגע צייט באַגערט צו זען אַ רעגירונג, וואָס ווערט געפירט פון ערלאַכע, אמתע און אויפריכטיקע מענטשן, אַ ממשלה פאַרן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד פונם פאָלק און ניט פאַר די באַזונדערע אינטערעסן פון וועלכן ניט איז געוויסן קלאַס. וואַרפט אַ בליק צוריק אויף דער גאַנצער וועלטגעשיכטע, און איר וועט ניט קאָנען געפינען קיין איינציקע רעגירונג, וואָס איז ווען ניט איז פאַרוואַלט געוואָרן מיט גערעכטיקייט און פאַרן וואוילשטאַנד פון דער מענטשהייט. די אורזאַך דערפון איז, אַז אין יענער לאַנגער צייט איז דער שטן געווען דער האַר אָדער אומזעבאַרער הערשער פון דערדאָזיקער וועלט, און ער האָט פאַרבלענדט דאָס פאָלק און די פירער וועגן דעם אמת און האָט באַאיינפלוסט זיינע פאַרטרעטער אויף דער ערד צו הערשן מיט גרויזאַמקייט און אומברחמנותדיקייט. (קאָרינטער ב, ד׳: 4,3; יוחנן א, ה׳: 19; יוחנן י״ב: 31.) ווי דען קאָן דאָס פאָלק האָפן, אונטער דער הערשאַפט פון אומפולקאָמענע מענטשן, ווען ניט איז צו זען אַ גערעכטע רעגירונג אויף דער ערד? באמת, אונטער די איצטיקע אומגערעכטע רעגירונגען איז ניטאָ קיין שום האָפענונג פאַר דער וועלט און פאַרן פאָלק. פאַרוואָס דען זאָל מען נאָך לענגער דערוואַרטן ישועה פון אָט די אומגערעכטע ממשלות? זיי זיינען אַבסאָלוט האָפענונגסלאָז און קאָנען ניט געבן די מענטשן וועלכע ניט איז האָפענונג.

די איינציקע האָפענונג פון דער וועלט איז גאָטס קעניגרייך אונטער דער הערשאַפט פון דעם משיח און מיט די געטרייע און גערעכטע מענטשן אַלס שטעלפאַרטרעטער אויף דער ערד. יהוה גאָט האָט שוין דערהויבן זיין גערעכטן מלך, ישוע המשיחן, אויף זיין טראָן. דער שטן און זיין איינריכטונג מוזן איצט פאַרשווינדן. דער שטן וויל ניט אָפּלייזיקן זיין אָרט; דערפאַר זאַמלט ער זיינע מחנות קיין הר־מגדון, וואוהין אויך גאָט ברענגט צוזאַמען זיינע הייליקע צבאות „צו דער מלחמה פון דעם גרויסן טאָג פון גאָט דעם

אַלמעכטיקן”. (אַנטפּלעקונג ט״ז: 16־13 און „ליכט“, צווייטער באַנד, זז. 41־57 אין דער ענגלישער אויסגאַבע, אָדער זז.50־55 אין דער דייטשישער אויסגאַבע.) אין יענער שלאַכט וועט דעם שטנס ברוטאַלע, אונטערדריקערישע און אָפּשייַלאַכע אָרגאַניזאַציע איינגאַנצן פאַרניכט ווערן, כדי צו מאַכן פריי דעם וועג צו דער איינפירונג פון ישוע המשיחס גערעכטער רעגירונג.

יענע געטרייע מענטשן, דערמאָנט אין דער הייליקער שריפט, פון הבלען אָן ביז צו יוחנן המטבל (עברים י״א), וועט גאָט אויפוועקן תחית־המתים און זיי געבן לעבן אַלס פערפעקטע מענטשן. דאָס וועט ער תכף טאָן, ווי נאָר די קעניגלאַכע פאַמיליע פון הימל וועט זיין דערגאַנצט, דאָס הייסט, גלייך נאָך דער אויסדערוויילונג פון די אַלע, וואָס וועלן זיין פאַרייניקט מיט ישוע המשיחן אין הימל. יענע געטרייע מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן איידער ישוע האָט זיך מקריב געווען, האָבן געטאָן „גוטס” מיט אַלע זייערע כוחות; זיי אַלע האָבן געקראָגן אַ גוטן שם, און ישוע זאָגט וועגן זיי, אַז אַלע אין די קברים, וואָס האָבן געהאַט געטאָן גוטס, וועלן אויפשטיין תחית־המתים צו בלייבן לעבן. (יוחנן ה׳:28, 29) אין אַ זייער קורצער צייט אַרום, און שוין במשך פונם לעבן פון דעם איצטיקן דור, וועלן יענע געטרייע מענטשן צוריקגעקערט ווערן פון טויט. גאָט וועט זיי דורך זיין משיח געבן פערפעקט לעבן אויף דער ערד; זיי וועלן איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון די, פאַר זיי באַשטימטע, רעגירונגס־ענינים, און זיי וועלן זיין די זעבאַרע הערשער צווישן אַלע פעלקער אויף דער ערד. זייענדיק גלידער פון גאָטס גערעכטער אָרגאַניזאַציע, וועלן זיי עצהן, באַלערנען און פירן די פעלקער צו גיין אויפן ריכטיקן וועג, כדי אַלע מענטשן זאָלן קאָנען מקבל זיין די ברכות, וואָס גאָט האָט אָנגעגרייט פאַר אַלע, וואָס וועלן זיין אמתדיק און געטריי איבערגעגעבן צו אים און זיין גערעכטער רעגירונג. דאַן וועלן מענטשן דערלערנען גערעכטיקייט און טאָן רעכטס.

עס איז די פּריווילעגיע און די פליכט פון יהוהס עדות, וואָס זיינען איצט אויף דער ערד, אָנצוזאָגן אַלע מענטשן

דידאָזיקע גרויסע אמתן, וואָרים זיי וועלן אינגיכן דערפילט ווערן, און דערפאַר ווייל דער האַר וויל, אַז זיי זאָלען אָנגעזאָגט ווערן. יהוה זאָגט איצט צו זיינע געטרייע עדות, וואָס זיינען די נאָכפאָלגער פון ישוע המשיח (ישעיה מ״ב: 9): „זע, דאָס פריערדיקע איז אָנגעקומען און נייעס וועל איך אָנזאָגן, איידער עס שפּראָצט אַרויס וועל איך עס אייך מאַכן הערן". יהוהס עדות זיינען זיכער, אַז די נייע און גערעכטע איינריכטונג איז געקומען, און אַז אַלע יענע, דערמאָנט אַלס פּערפעקטע און זעבאַרע שטעלפאַרטרעטער, וועלן תכף ווידער זיין אויף דער ערד. גאָט האָט געבאָטן, אַז אָט די אמתן זאָלן אָנגעזאָגט ווערן אַלע מענטשן, כדי זיי זאָלן אַלץ גרייט מאַכן פאַרן אָנקום פון דידאָזיקע נייע און גערעכטע הערשער. דערפאַר האָט יהוה געבאָטן זיינע געטרייע עדות: „הייבט אויף אַ פאָן צו די פעלקער!" כדי די מענטשן זאָלן באַטרעטן דעם גערעכטן וועג. — ישעיה ס״ב: 10.

אין געהאָרכזאַמקייט מיט אָט דעם געבאָט, האָבן יהוהס עדות אָנגעגרייט און פאַרעפנטלאַכט געוויסע ביכער, וואו די־דאָזיקע גרויסע אמתן זיינען דערקלערט און באַוויזן מיט באַ־ווייזן פון דער הייליקער שריפט, און וואו אין דער ביבל עס קאָנען געפונען ווערן די שריפט־באַווייזן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן צוועק, אַז אַלע מענטשן זאָלן קאָנען זיך אַליין אינפאָרמירן און זיין גרייט פאַר די ברכות פון גאָטס אָנגע־קומענער מלוכה. צווישן דידאָזיקע ביכער זיינען פאַראַן „די האַרף פון גאָט", „באַפרייאונג", „שאַפונג", „נבואה", „רע־גירונג", „דאָס שלום־מאַכן", „לעבן", „ליכט" און „רעכט־פאַרטיקונג", און דידאָזיקע שריפטן דערקלערן דעם אמת מיט אַלע איינצלהייטן. דידאָזיקע ביכער ווערן ניט געבראַכט צו די מענטשן צוליב אַן אייגננוציקן צוועק, נייערט זיי צו געבן די מעגלאַכקייט זיך אַליין אויפצוקלערן וועגן דעם באַדייט פון די איצטיקע גרויסע געשעענישן. דידאָזיקע ביכער ווערן געבראַכט צו די מענטשן פאַר אַ פרייז, וואָס איז נידעריקער פון די קאָסטן פון די אַרויסגעבער אַליין. דאָס ווערט געטאָן, ווייל מענטשן האָבן דעם גרעסטן נוצן פון די ביכער דאַן,

ווען צו קריגן דידאָזיקע אינפאָרמאַציע און אויפקלערונג קאָסט זיי אַ קליניקייט און איז פאַרבונדן מיט אַ קליינעם אָפּפער אָדער אַן אָנשטרענגונג. אמת, די צייטן זײַנען איצט זייער שלעכטע, און מען נויטיקט זיך אין דעם געלד, ווי געוויינלאַך, פאַר שפּייז; אָבער עס איז בעסער פאַרן מענטשן אויסצו־לאָזן אַ מאָלצייט אָדער צו זיין עטלאַכע שעה נאָכאַנאַנד הונ־געריק, כדי מען זאָל קאָנען דערפאַר קריגן די גייסטיקע שפּייז, וואָס ווייזט אים אָן דעם וועג צום אייביקן לעבן. יהוה גאָט האָט צוגעגרייט אַלע פולקאָמענע מיטלען צו העלפן באַפרייען און צו בענטשן די, וואָס האָבן ליב גערעכטיקייט; און איצט איז געקומען די צייט, אַז זיי זאָלן אָנהייבן דאָס צו וויסן.

אין קורצן, גאָטס מלוכה באַשטייט אין פאָלגנדיקן: ישוע המשיח און זיינע געטרייע נאָכפאָלגער שטעלן מיט זיך פאָר די אומזעבאַרע הערשנדיקע מאַכט; די גלויביקע, גע־טרייע מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן גלויביקע, איידער דער האַר ישוע האָט זיך מקריב געווען, וועלן אויפשטיין תחית המתים און באַשטימט ווערן אַלס די זעבאַרע הערשער אויף דער ערד, און דאָס וועט צונויפשטעלן אַן אידעאַלע פונקציאָנירנדיקע איינריכטונג, וואָס וועט אָנפירן איר אַרבעט פאַרן וואוילשטאַנד פון אַלע פעלקער פון דער ערד און אין כבוד און גלאָריע פון יהוה. אָט די רעגירונג וועט ברענגען פולשטענדיקע הילף און אַלע ברכות, וואָס זיינען אַזוי לאַנג באַגערט געוואָרן פון אַלע מענטשן.

איטלאַכער, וואָס האָט ליב דעם אמת און גערעכטיקייט און ווינטשט צו זען גערעכטיקייט איינגעפירט צווישן אַלע מענטשן פון דער וועלט, זאָל זיך איצט ווענדן צו גאָט דעם האַר און זיך שטעלן אויף יהוהס זייט, כדי ער זאָל קאָנען דערלערנען דעם וועג צום אייביקן לעבן. „דאָס איז דאָס אייביקע לעבן, אַזוי אַז זיי זאָלן דיך דערקענען, דעם איינציקן אמתן גאָט, און ישוע המשיחן, וואָס דו האָסט געשיקט". (יוחנן י"ז : 3.) זייט פול מיט קוראַזש און הייבט אויף אייערע קעפּ, וואָרים אייער דערלייזונג איז געקומען. די האָפענונג פון דער וועלט איז גאָטס מלוכה. הייבט אָן איצט און לערנט וועגן אים, גיט

אָפּ כבוד זיין נאָמען און זאָל אייער בטחון זיין פעסט און שטאַרק!

דידאָזיקע בשורה איז ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע, דאָס הייסט, זי באַצוועקט ניט צו באַקערן און מאַכן אָנהענגער. עס ווערט קיינעם ניט טאָן קיין שום גוטס צו ווערן אַ מיטגליד פון וועלכער ניט איז ערדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון מענטשן. דידאָזיקע אויפקלערונג ווערט געגעבן, ווייל גאָט האָט געבאָטן, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן.—מתתיה כ״ד: 14.

יהוה גאָט האָט באַוואוינן אַלע זיינע הייליקע נביאים צו שרייבן וועגן זיין קעניגרייך און די ברכות, וואָס עס וועט ברענגען אַלע מענטשן. ווען ישוע המשיח איז געווען אויף דער ערד, האָט ער וואויל געוואוסט פון אָט די אַלע קומענדיקע גוטע זאַכן, און בכן האָט ער געלערנט זיינע תלמידים בעטן צו גאָט, אַזוי ווי פאָלגט: „זאָל דיין קעניגרייך קומען, דיין ווילן זאָל געטאָן ווערן אויף דער ערד אַזוי ווי אינם הימל”. און אַזוי וועט עס זיין. די גערעכטיקייט, וואָס הערשט אינם הימל, וועט באַלד אויך הערשן אויף דער ערד, און אַלע אונטערדריקונגען וועלן אויפהערן אויף אייביק. גאָטס נביא האָט וועגן דעם געשריבן: „ער וועט גערעכט משפּטן די אָרעמע פון דעם פאָלק, ער וועט העלפן די קינדער פון די באַדערפטיקע, אָבער דעם באַדריקער וועט ער צעטרעטן. מען וועט פאַר דיר מורא האָבן פון דור צו דור, אַזוי לאַנג ווי די זון און די לבנה זיינען דאָ. ער וועט אַראָפּנידערן ווי רעגן אויפן אָפּגעשניטענעם גראָז, אַזוי ווי שפּריי־רעגן, וואָס באַוועסערן די ערד. אין זיינע טעג וועט דער צדיק בליען און גרויס שלום וועט זיין, ביז די לבנה וועט ניט מער זיין. און ער וועט הערשן פון איין ים ביז צום אַנדערן ים, און פונם טייך ביז צו די סופן פון דער ערד”. (תהלים ע״ב: 4־8.) „באמת, זיין ישועה איז נאָענט פאַר די, וואָס האָבן מורא פאַר אים, כדי די פּראַכט זאָל וואוינען אין אונדזער לאַנד. חסד און אמת האָבן זיך באַגעגנט, גערעכטיקייט און שלום האָבן זיך געקושט. דער אמת וועט שפּראָצן פון דער ערד, און גערעכטיקייט וועט אַראָפּבליקן

פונם הימל. יהוה וועט אויך געבן דאָס גוטע און אונדזער לאַנד וועט געבן איר פרוכט. גערעכטיקייט וועט גיין פאַר אים און ער וועט מאַכן אירע טריט פאַר זיין וועג.״ (תהלים פ״ה: 10־14.) דערפאַר זאָל די בשורה פון אמת ווייט און ברייט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די נאַציעס: „יהוה רעגירט! די וועלט איז אויך באַפעסטיקט, אַז זי קאָן ניט גערירט ווערן. ער וועט די פעלקער משפּטן מיט גערעכטיקייט און אמת.״ — תהלים צ״ו: 10.

גאָטס מלוכה צווישן אייך

יהוה רימט די וויכטיקייט פון זיין קעניגרייך העכער איבער אַלע אַנדערע לערעס פון דער הייליקער שריפט. ער האָט געשיקט ישועען אויף דער ערד אַלס אַן עדות וועגן דעם קעניגרייך. גלייך נאָך זיינע פּריפונגען אין דער ווילדערניש, האָט ישוע אָנגעהויבן זיין ערדישע עובדא מיט דער דערקלערונג: „די מלוכה פון הימל איז געקומען". דאָס ווערט גערופן די הימלישע מלוכה, ווייל זיין פולמאַכט קומט פון הימל. דאָס ווערט באַצייכנט אַלס גאָטס קעניגרייך, וואָרים נאָט איז דער גרויסער, אייביקער מלך, וואָס האָט עס אָנגעגרייט. דאָס ווערט אויך גערופן דאָס קעניגרייך פונם משיח, ווייל גאָטס געזאַלבטער, ישוע המשיח, איז גאָטס אויבערשטער באַאַמטער פון דער מלוכה. אָבער וואו וועט זיך געפינען די מלוכה?

דער ניט־פּאַסיקער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסן פּלאָנטער צווישן מענטשן. אַלע קריסטן זיינען עדות וועגן דעם פאַקט, אַז יאָרהונדערטער נאָכאַנאַנד האָבן די לערער און פירער פון דער „קריסטנשאַפט" פאַרענטפערט די דאָזיקע פראַגע אויף אַזאַ אופן: „ווי נאָר אַ מענטש איז געוואָרן אַ קריסט, אַזוי האָט אָנגעהויבן הערשן גאָטס מלוכה אין זיין הארץ; און ווען אַלע וועלן געבראַכט ווערן צו ישוע המשיחן, דאַן וועט זיין קעניגרייך אינגאַנצן איינגעפירט זיין, וואָרים ער האָט געזאָגט: „גאָטס מלוכה איז אין אייך גופא". דערפאַר האָבן זיי זיך איינגעשפּאַרט, אַז די קירכע מוז באַקערן די וועלט, כדי גאָטס קעניגרייך זאָל קאָנען ווערן אינגאַנצן אויפגעשטעלט.

אָט דער ענטפער איז אינגאַנצן פאַלש און איז ערשט אַ באַוויז, אַז די, וואָס ענטפערן אַזוי, האָבן גאָר קיין אָנונג ניט וועגן דער הייליקער שריפט.

ביים לייענען דעם קאָנטעקסט פון לוקאַס י"ז: 21 וועט איר באַמערקן, אַז ישוע האָט גערעדט צו די פרושים, וואָס זיינען געקומען צו אים און האָבן געפאָדערט פון אים צו וויסן ווען גאָטס מלוכה וועט קומען. לויט עטלאַכע איבער־זעצונגען איז זיין ענטפער געווען: „גאָטס קעניגרייך איז אין אייך." מיר ווייסן אָבער, אַז גאָט וואָלט זיכער ניט אויפגעשטעלט זיין מלוכה אין די הערצער פון זיינע שונאים. די פרושים האָבן באַהויפּט, אַז זיי פאַרטרעטן גאָט, און זיי זיינען געווען די גייסטלאַכע פון יענער צייט; אָבער ישוע האָט זיי געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז זיי זיינען צבויאַקעס, וואָס מאַכן פרומע אָנשטעלן, און אַז אין דער אמתן זיינען זיי זין פונם טייוול. לייענט אויפמערקזאַם דאָס דרייאונ־צוואַנציקסטע קאַפּיטל פון מתתיה און זעט וואָס פאַר אַ שאַרפע אָנקלאַגע ישוע האָט געמאַכט קעגן די פרושים. דער־נאָך באַטראַכט זיינע ווערטער אין יוחנן ח':42־44, וואו ער האָט זיי דערקלערט, אַז זיי זיינען פונם טייוול. לויט דעם מוז דאָך עפּעס זיין פאַלש אין דעם ענטפער פון די לערער פון דער „קריסטלאַכער" וועלט, אַז גאָטס קעניגרייך וועט איינגעריכט ווערן אין די ־ערצער פון די מענטשן.

נעמט פאַרשידענע ביבל־איבערזעצונגען און לייענט לו־קאַס י"ז: 20, 21, און איר וועט באַמערקן, אַז דערדאָזיקער פּסוק ווערט מערסטנטייל איבערזעצט מיט „גאָטס מלוכה איז צווישן אייך", אָדער אַז דידאָזיקע איבערזעצונג דערשיינט וויי־יקסטנס אַלס אַ ראַנד־באַמערקונג. דער קלאָרער באַדייט פון ישועס ווערטער איז דערדאָזיקער: גלייך נאָך ישועס טריפן אין מדבר האָט יהוה געשלאָסן מיט ישוען אַ בונד, אים צו געבן דאָס קעניגרייך, און ער האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך, ווען עס געהערט דאָס רעכט צו רעגירן די וועלט אין גאָטס באַשטימטער צייט. דערפאַר האָט ישוע פון יענער צייט אָן געקאָנט מיט רעכט זאָגן צו די, וואָס זיי־נען געשטאַנען אַרום אים: „די מלוכה איז געקומען", דאָס מיינט, אַז ער, ישוע, איז דער געזאַלבטער קעניג און הערשער, און אַז ער איז דעמאָלט געווען אויף דער ערד און צווישן די מענטשן. ווען די פרושים זיינען געקומען צו אים מיט

דער אָפּזיכט אים צו כאַפּן אין זיינע ווערטער, האָט ער גע־זאָגט צו זיי אומגעפּער די פאָלגנדיקע ווערטער: „דאָס קעניג־רייך איז צווישן אייך אָדער אין אייער מיט; וואָרים איך בין דאָ, שטייענדיק אין אייער מיט, און איך בין דער, וואָס יהוה האָט געזאַלבט פאַר זיין מלוכה.” די פּרושים האָבן פאַר־שטאַנען וואָס ישוע המשיח האָט געמיינט דערמיט, וואָרים שפּעטער האָבן זיי אים באַשולדיקט אַלס מורד־במלכות, טאַ־קע דערפאַר ווייל ער האָט דערקלערט, אַז ער איז דער מלך.

דער דופּליקאַט פון די מעשים פון די פּרושים ווערט ביי היינטיקן טאָג געפונען צווישן די איצטיקע פירער פון דער „קריסטלאַכער וועלט”. זיי האָבן ניט נאָר אריינגעטייטשט אַ פאַלשן מיין אין ישועס ווערטער, נאָר זיי האָבן אויף זיך גענומען די עובדא צו באַקערן די וועלט, זאָגנדיק דערביי, אַז גאָטס קעניגרייך קאָן קיינמאָל ניט קומען ביז וואַנעט די פאַרשידענע קירכעס וועלן ניט אריינקריגן דאָס פאָלק אין זייערע סיסטעמען און וועלן באַקליידן די ערד מיט די מאָראַלישע דערגרייכונגען פונם מענטשן; און דערנאָך ערשט וועלן זיי איינלאַדן דעם משיח ווידערצוקומען און דאַן וועט ער באַזוכן די ערד. אויך אין אָט דעם זייגען זייערע באַהויפּטונגען דורכאויס פאַלש און פאַרפירעריש. ישוע המשיח איז שוין צוריקגעקומען און זיין מלוכה איז איצט צווישן אייך; און דאָס קאָן היינט געזאָגט ווערן מיט אַ פעסטערער קראַפט ווי ווען ניט איז פריער.

באַלד נאָכדעם ווי ישוע האָט געהאַט גערעדט צו די פּרושים, איז ער ארויפגעגאַנגען אין הימל. פון יענער צייט אָן האָבן זיינע געטרייע נאָכפאָלגער דערוואַרט זיין ווידער־קומען. אין יאָר 1914 האָט זיך געענדיקט די צייט פון וואַרטן, און דאַמאָלסט האָט גאָט דערהויבן זיין געזאַלבטן מלך, ישוע המשיחן, אויפן כסא־מלוכה. די ביבלישע באַווייזן פון די־דאָזיקע אמתן זיינען דער וועלט־קריג און די פּאַסירונגען, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט גלייך נאָך דער מלחמה. אין יאָר 1918 האָט דער האַר ישוע המשיח, זייענדיק אָנוועזנדיק, אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען צו זיך זיין פאָלק, וואָס איז איג־גאַנצן איבערגעגעבן צו גאָט און צו זיין קעניגרייך; און

איצט איז אין גאַנג דער משפט איבער אַלעמען, וואָס דער־קלערן זיך פאַלש אַלס זיינע נאָכפאָלגער.

דער קומענדיקער גרויסער אַקט פון יהוהס געזאַלבטן מלך וועט זיין די פאַרניכטונג פון שטנס איינריכטונג אין דער שלאַכט פון הר־מגדון, וואָס קומט שוין אָן אויף דער וועלט. דערפאַר מוז דער אמת, אַז גאָטס מלוכה איז איצט צווישן אייך, כסדר געבראַכט ווערן צו די פעלקער פון די לענדער, ווייל דידאָזיקע בשורה איז לעבנסוויכטיק. דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס מענער און פרויען גייען טאָג־טעגלאַך פון הויז צו הויז, ספּעציעל זונטיקס, כדי צו ברענגען אַלע מענטשן דידאָזיקע בשורה און זיי אויפמערקזאַם מאַכן אויף די ביבלישע באַווייזן, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין די ביכער, וואָס זיי ברענגען זיי, און וועלכע דערקלערן די הייליקע שריפט. קיינמאָל פריער איז עס ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווי טאַקע גראָד איצט, אָנצוזאָגן די גוטע בשורה פון גאָטס קעניגרייך, און אַזוי שנעל ווי דאָס וועט זיין אָפּגעטאָן, וועט גלייך נאָכדעם נאָכפאָלגן די שלאַכט פון הר־מגדון.

ווען ישוע האָט גערעדט צו די פרושים, האָט ער געזאָגט, לויט לוקאַס ט״ז : 16 : „די תורה און די נביאים זיינען געווען ביז צו יוחנן ; פון דעמאָלט אָן ווערט געפּריידיקט דאָס קעניגרייך פון גאָט.״ יוחנן איז געווען דעם משיחס פאָרלויפער. אַלע נביאים האָבן פאָרויסגעזאָגט גאָטס מלוכה, אָבער איצט האָט ישוע אָנגעהויבן צו פּריידיקן דאָס קעניגרייך, און זיי צו דערקלערן, אַז עס איז געקומען. די אַפּאָסטאָלן אָדער שלוחים פון ישוע המשיחן האָבן פאָרטגעזעצט אָנצוזאָגן דאָס קעניגרייך ; אָבער גלייך נאָך זייער טויט זיינען אַנדערע זאַכן געלערנט געוואָרן. אומגעפער אַרום דעם יאָר 1874, האָט דער האַר אָנגעהויבן צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון זיין פאָלק אויף די גרויסע גרונט־אמתן, וואָס זיינען ביז צו יענער צייט געווען פאַרטונקלט פון די מענגעם פאַרגרייזטע לערעס, אויסגעטראַכט פון פאַלשע מענטשן. די עובדא פון אמתע קריסטן, וואָס האָט געווירקט פונם יאָר 1874 ביזן יאָר 1914, איז געווען אין פאָרויס אָנגעדייט אין אַ שאָטנבילד פון דער עובדא פון דעם נביא יוחנן המטבל.

אינם יאָר 1914 איז דער האַר ישוע געקומען דאָס צווייטע מאָל, און אינם יאָר 1918 האָט ער אָנגעהויבן צו פאַר־זאַמלען זיינע געטרייע נאָכפאָלגער. דאַמאָלסט האָט ער גע־געבן זיין געבאָט, וואָס מוז ווערן אויסגעפירט, צו פּריידיקן די גוטע בשורה פאַר די נאַציעס פון דער ערד, און צוליב דעם ווערט דאָס איצט געטאָן.

פאַר דעם יאָר 1918 האָט גאָטס פאָלק אָנגעזאָגט, פּונקט אַזוי ווי דער נביא יוחנן, אַז גאָטס מלוכה וועט ווערן איינ־געפירט. אָבער זינט דעם יאָר 1918 האָט גאָטס פאָלק געזען אַזוי דייטלאַך ווי קיינמאָל ניט פריער, אַז דער מלך איז שוין דערהויבן געוואָרן אויף זיין טראָן, און אַז דאָס קעניגרייך האָט זיך אָנגעהויבן, און אַז יהוהס עדות, אין געהאָרכ־זאַמקייט צו זיין געבאָט, מוזן עדות זאָגן פאַר די מענטשן וועגן גאָטס מלוכה, וואָס איז צווישן זיי.

די שונאים פון גאָטס מלוכה ווילן האַלטן דאָס פאָלק אין אומוויסנקייט וועגן דעם פאַקט, אַז זיין קעניגרייך איז שוין דאָ; דערפאַר פאַרשרייען זיי די אַרבעט פון דעם האַרס טעטיקע עדות און באַשולדיקן זיי, אַז זיי פירן אָן פּראָפּאַ־גאַנדע, אָדער מיסיאָנערן־אַרבעט, ווי די ענלאַכע אידישע קעגנער פלעגן שרייען. דאָס איז ניט אמת, וואָרים גאָטס קעניגרייך נויטיקט זיך ניט אין קיין שום פּראָפּאַגאַנדע. „פּראָפּאַגאַנדע״ מיינט פּריידיקן אַ טעאָריע מיטן צוועק צו זאַמלען אָנהענגער. די גוטע בשורה וועגן גאָטס קעניגרייך איז אָבער בלויז אַן אָנזאָג פון אַ פאַקט כדי אויפצוקלערן אַלע מענטשן. דאָס איז גאָטס בשורה און ניט דעם מענטשנס. גאָט פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין שום פּראָפּאַגאַנדע.

עטלאַכע האָבן געמיינט, אַז עס איז זייער פליכט, צו צענזורירן די בשורה, וואָס ווערט איצט אָנגעזאָגט אַלע מענטשן, און אויסצומעקן און צו פאַרהיטן געוויסע אויס־דרוקן, מיטן תירוץ, אַז דידאָזיקע אויסדרוקן באַצוועקן צו שאַפן מחלוקת. דאָס איז פּונקט פאַרקערט; און ווער נאָר פּרובירט צו שפּילן די ראָלע פון אַ צענזאָר, שטעלט זיך אין אַ זייער געפערלאַכער לאַגע. גאָטס בשורה פון אמת קאָן ניט זיין קיין וואָרטקריגעריי, וואָרים דערדאָזיקער אָנ־

זאָג קומט פון יהוה גאָט. דערמיט ווערט בשום אופן ניט געמאַכט קיין שום פאַרזוך עמעצן צו באַקערן אָדער עמעצן אַריינצוקריגן אין אַן אָרגאַניזאַציע. דער איינציקער צוועק פון דעם פאַרשפּרייט פון אָט דער בשורה איז צו אינפאָרמירן אַלע מענטשן וועגן די אמתן. דער האַר האָט געבאָטן, אַז די־דאָזיקע גוטע בשורה זאָל געבראַכט ווערן צו אַלע מענטשן פון אַלע נאַציעס און אַז זי זאָל ווערן זיי אָנגעזאָגט אַלס אַן עדות. ווער עס וויל זי ניט הערן, איז ניט געצוואונגען זיך צוצוהערן. אָבער קיינער האָט ניט די אויטאָריטעט צו צענזורירן די בשורה פון גאָטס וואָרט, און, אַזוינאָך, צו שטערן טייל מענטשן, צו הערן די גוטע בשורה, יענע מענטשן, וואָס פאַרלאַנגען זי צו הערן. מען דאַרף לאָזן יעטוועדן מענטשן צו הערן און זאָל ער פאַר זיך אַליין אַנטשיידן, וואָס פאַר אַ וועג ער וויל אָננעמען. אויב די בשורה איז אמת, קאָן קיין מאַכט ניט אָפּהאַלטן איר פאַרשפּרייט, און ווער עס פּרובירט זי צו שטערן, נעמט אויף זיך אַ שווערע פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט.

אין ישעיה ס׳ : 1, 2, זאָגט גאָט צו זיינע געטרייע עדות, אין באַצוג צו דער איצטיקער צייט, דורך זיין נביא : „שטיי אויף, לייכט אויף, וואָרים דיין ליכט איז געקומען, און די פּראַכט פון יהוה שיינט איבער דיר. וואָרים זע, פינצטער־ניש באַדעקט די ערד און אַ דיקער נעבל די פעלקער ; אָבער אויף דיר וועט אויפשיינען יהוה און זיין פּראַכט וועט זיך ווייזן אויף דיר.“ דאָס באַדייט, אַז דאָס קעניגרייך איז שוין געקומען, און אַז די, וואָס דערקענען דאָס, מוזן אויפשטיין און אויסרופן צו אַלע די מענטשן : „זע, דיין גאָט הערשט!“

יעטוועדער קאָן זען, אַז גראָד איצט ווערט די ערד פון טונקלקייט באַדעקט, אַז די מענטשן זיינען אין געדיכטער פינצטערניש אין אָנגעזיכט פון גאָטס וואָרט, און ווי די גאַנצע וועלט איז איינגעהילט אין שוואַרצע שאָטנס פון טויט, וואָרים די שלאַכט פון הר־מגדון איז שוין זייער נאָענט. גאָט האָט געבאָטן, אַז זיינע עדות זאָלן אָנזאָגן די הערשער און דעם פאָלק די דראָענדיקע און שנעל־אָנקומענדיקע פאַרניכטונג פון דער „קריסטלאַכער“ וועלט בפרט און פון דער גאַנצער

שטנס־איינריכטונג בכלל, כדי אַלע מענטשן פון גוטן ווילן און פון אויפריכטיקע הערצער זאָלן קאָנען, ווען זיי ווילן, זיך שטעלן אויף דער זייט פון גאָט דעם האַר און זיין אים אונטערטעניק און איבערגעגעבן. בלויז דידאָזיקע עדה מענטשן וועט זיך קאָנען ראַטעווען און קאָנען איבערלעבן דעם שרעקלאַכסטן טייל פון דער שלאַכט פון הר־מגדון און מציל ווערן. דער האַר רעדט צו זיי דורך זיין נביא צפניה, אַזוי ווי פאָלגט: „איידער עס קומט אויף אייך דער טאָג פון יהוהס גרימצאָרן — זוכט גאָט, איר אַלע פאַרליטענע פון דער ערד — זוכט גערעכטיקייט, זוכט עניוות, אפשר וועט איר פאַרבאָרגן ווערן אין טאָג פון יהוהס צאָרן.”

גאָט לייגט אַרויף אויף זיינע געטרייע עדות פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, אָנצוזאָגן דידאָזיקע בשורה צו די הערשער און צום פאָלק, און ער וועט זיינע עדות האַלטן פאַר שולדיק, אויב זיי טוען דאָס ניט. ווען זיינע עדות ווען האָבן אויסגעפירט זייער שליחות, וועט זיך דאַן ענדיקן זייער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. אַזוינאָך דאַרף אַלעמען זיין קלאָר, אַז יעדער מענטש אָדער יעדע גרופּע מענטשן, וואָס פּרובירט צו צענזורירן און פאַרענדערן דעם האַרס בשורה, שטעלט זיך אין אַ זייער ערנסטער לאַגע קעגן גאָט.

די פּרושימדיקע הערשער האָבן פּרובירט צו מאַכן אַ סוף פון דעם אָנזאָג פון גאָטס מלוכה דורך זיינע עדות. זייערע פּראָטאָטיפּן פּרובירן היינטצוטאָג צו טאָן פּונקט דאָסזעלביקע. אָבער דער האַר דערקלערט, אַז דידאָזיקע שליחות דאַרף אָנגעזאָגט ווערן די נאַציעס אַלס אַ באַווייז, און דערפאַר מוז דאָס געטאָן ווערן. ישוע המשיח, דער באַרעכטיקטער מלך פון דער וועלט, האָט אָנגעהויבן זיין הערשאַפט, און די צייט איז געקומען, אָנצואווייזן אַלע מענטשן, וואָס האָבן ליב דאָס וואָס איז רעכט, דעם אריינגאַנג וואָס פירט צו די ברכות פון אָט דערדאָזיקער מלוכה. דורך קיין שום אַנדערע מיטלען קאָן דאָס פאָלק ניט געפינען ווען ניט איז ישועה און ברכה. דערפאַר באַפעלט גאָט זיינע געזאַלבטע עדות אין דידאָזיקע ווערטער (ישעיה ס״ב: 10): „גייט דורך, גייט דורך די טויערן, ראַמט אָפּ דעם וועג פון דעם פאָלק; טרעט אויס,

טרעט אויס דעם שטעג; רייניקט אָפּ פון שטיינער; הייבט אויף אַ פאָן צו די פעלקער!"

די „טויערן", אין דעמדאָזיקן פסוק, שטעלן מיט זיך פאָר דעם אריינגאַנג אין דעם קעניגרייך. דאָס דורכגיין דורך די טויערן שטעלט מיט זיך פאָר די געטרייע נאָכפאָלגער פון ישוע המשיח, ווענדנדיק זייערע פנימער און הערצער אינגאַנצן צו גאָטס מלוכה; און זיי טוען דאָס אָנווייזנדיק דערמיט די מענטשן, אַז דאָס קעניגרייך איז שוין געקומען. צוגרייטן דעם וועג פאַרן פאָלק מיינט אים צו העלפן צו דערווערבן זיך וויסן וועגן גאָטס מלוכה. אויב איר וואָלט געוואוסט, אַז עס ליגט צוגעגרייט עפּעס אויסערגעוויינלאַך גוטעס פאַר אַלע, וואָס דערוויסן זיך וועגן דעם און היטן אָפּ געוויסע באַדינגונגען, וואָלט אייער גוט האַרץ אייך געצוואונגען, דאָס מיטצוטיילן אַלע מענטשן. דעם משיחס נאָכפאָלגער וויסן, אַז דעם פאָלקס גרויסער פאַרלאַנג צו מקבל זיין די ברכות, דאָס אויף וואָס עס האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, זיינען נאָרוואָס אָנגעקומען, און אַז זיי וועלן ברענגען די מענטשן אַ סך אַ גרעסער גליק, ווי מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן אָדער אויסטראַכטן. דאָס איז דאָס קעניגרייך און זיינע ברכות, וואָס וועלן קומען צו אַלע פעלקער און מענטשן. דערפאַר ווילן אַלע, וואָס האָבן ליב גאָט און זייערע מיטמענטשן, ברענגען פאַר אַנדערע די גוטע בשורה וועגן גאָטס קעניגרייך. דאָס איז ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע, אַפילו ניט קיין פאַרזוך אויפצובויען וועלכע ניט איז אָרגאַניזאַציע. אָפּצוראַמען די שטיינער פונם וועג, אַזוי ווי גאָטס נביא מאָנט, מיינט צו העלפן די מענטשן אָפּצוראַמען פון זייערע געדאַנקען די פילע טעותים און פאַלשע לערעס, וואָס זיינען געווען פאַר זיי שטרויכלונגען אויפן וועג צום אמת. ווען מען דערקלערט מענטשן דעם אמת, איז עס נויטיק צו דערציילן זיי אויך וועגן די טעותים, וואָס זיינען זיי געלערנט געוואָרן פון די פירער פון דער „קריסטלאַכער" וועלט, און וואָס האָבן געשטרויכלט אַזויפיל מענטשן. דאָס ווערט ניט געזאָגט מיטן צוועק עמעצן צו שעדיקן, נייערט וויל דאָס איז נויטיק, כדי צו באַזייטיקן די פאַלשע לערעס, וואָס האָבן געהאַלטן די מענטשן אין בלינדקייט; און דאָס

ווערט געטאָן אין געהאָרכזאַמקייט צו גאָטס געבאָט וועגן דעם. אויפצוהויבן אַ פּאָן צו די פעלקער, אַזוי ווי דער האַר באַפעלט, מיינט זיי אָנצואווייזן דעם איינציקן וועג פון רעטונג און באַפרייאונג. גאָטס פּאָן איז די פּאָן פון רעכט און אמת און ווייזט אָן אַלע מענטשן דעם וועג צום לעבן און צום אייביקן גליק. יעטוועדער דאַרף באַגערן צו וויסן וועגן דעם.

דערפאַר זאָלן אַלע, וואָס הערן די גוטע בשורה, אַז דאָס קעניגרייך פון הימל איז אין זייער מיט און אַז דעם משיחס ממשלה האָט זיך אָנגעהויבן, אויפנעמען די גוטע בשורה און זיי אָנזאָגן אַנדערע, און אַזוי אָנטייל נעמען אין דער רעכט־פאַרטיקונג פון יהוהס הייליקן נאָמען.

רעכטפארטיקונג

א וואונדערבארע דערקלערונג פון גאטס נבואה, ווערט געגעבן דורך זיין נביא יחזקאל, אנטפלעקנדיק דאס, וואס מוז געשען אינגיכן.

א פייערלאכע ווארנונג דער „קריסטלאכער" וועלט, אירע הערשער און פירער און דער גאנצער וועלט, זאגט אז גאטס שוין אנגעצייכנטן משפט איבער אלע, וואס האבן דעם נאמען פונם אויבערשטן געשענדעט.

זי מאכט באקאנט וועגן דער גרויסער צרה, וואס וועט תכף באפאלן די וועלט, און ווי אזוי מען קאן ווערן אויסגעהיט און באשיצט און ווי אזוי מען קאן ווערן דורכגעפירט אומבאשעדיקט דורך דערדאזיקער גרויסער נויט.

זי דערקלערט, ווען און אויף וואס פארא אופן יהוה גאט וועט באווייזן, ריינוואשן און רעכטפארטיקן זיין ווארט און זיין הייליקן נאמען, אויפריכטן און בענטשן זיין געהארכזאמען באשאף און פארוואנדלען די וועלט אין אן ארט פון אייביקן שלום און אייביקער פרייד. יעדער אינטעליגענטער מענטש דארף קענען דעם אינהאלט פון דעמדאזיקן בוך. עס איז ארויסגעגעבן געווארן אין ענגליש, דייטש און אנדערע שפראכן; איינגעבונדן, 352 זייטן, פארטא פריי, ענגלישע אויסגאבע 30 סענט, דייטשישע אויסגאבע 35 סענט.

The Watch Tower, 117 Adams St., Brooklyn, N. Y.

טרייסט פאַר די אידן

פאַרוואָס האָט דער באַשאַפער אויסדערוויילט די אידי־שע נאַציע אַלס די איינציקע, מיט וועמען ער האָט ספּעציעל געהאַנדלט? פאַרוואָס האָט ער באַנוצט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט הויפּטזאַכלאַך דאָסדאָזיקע פאָלק, כדי דורך זיי צו געבן דער מענטשהייט די פאַרצייכניש פון זיין באַשלום צו בענטשן אַלע מענטשן מיט וואוילשטאַנד, גליק, פרייהייט און אייביק לעבן? פאַרוואָס איז עס געווען נויטיק, אַז דער גואל פון דער מענטשהייט האָט געמוזט געבוירן ווערן אַ איד?

אין אָט דעם אויסגעצייכנטן בוך באַווייזט ריכטער ראָ־טערפאָרד, אַז די ביבל איז די איינציקע אמתע פאַרצייכניש וועגן יהוהס האַנדלונג מיט דער מענטשהייט אין דער פאַר־גאַנגענהייט, און נאָכמער, אַז די נביאות וועגן דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט, וואָס זיינען באַשריבן געוואָרן יאָרהונדער־טער צוריק אין דער הייליקער שריפט, ווערן איצט מקוים פאַר אונדזערע אייגענע אויגן.

דאָס בוך איז פאַרעפנטלאַכט אין אידיש, לשון־הקודש, ענגליש און דייטש. די ענגלישע אויסגאַבע אין לייוונט־איינבאַנד קאָסט 10 סנעט, אין פּאַפּיר־איינבאַנד 5 סענט, אין די אַנדערע שפּראַכן 5 סענט.

The Watch Tower, 117 Adams St., Brooklyn, N. Y.

די בשורה פון גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד

איז די ווּיכטיקסטע און דערקוויקנדיקסטע דערקענטניש, וואָס וועלכער ניט איז מענטש קאָן באַזיצן.

זי איז די ווּיכטיקסטע, ווייל זי איז אַ דירעקטע שליחות פון דעם גרויסן באַשאַפער, און אַנטפּלעקט זיין באַשלוס וועגן דער מענטשהייט, און דאָס איז דאָך פאַר יעדן מענטש אַ פראַגע פון לעבן אָדער טויט.

דערקוויקנדיק איז די בשורה, ווייל זי דערקלערט אויספירלאַך גאָטס באַשלוס אויסצוראָטן פון דער ערד אַלע זינד, אַלע זאָרגן, אַלע קראַנקהייטן, אַלע אונטערדריקונגען און דעם טויט; און צו געבן יעטוועדן, וואָס פאָלגט גאָט, געזונט, גליק, וואוילשטאַנד און אייביק לעבן אויף דער ערד.

פאַרוואָס זאָלט איר פאַרשווענדן אייער צייט מיט דער נישטיקער, אייטלער פילאָסאָפיע פון מענטשן אָדער מיט דעם קינדישן פלאַפלען פון די וועלטלאַכע חכמים, וועמעס חכמה איז נאַרישקייט ביי גאָט, אַז איר קאָנט געפינען אין ריכטער ראָטערפאָרדס צען ביכער אַ קלאָרע און אַ פולשטענדיק איבערציינגנדיקע דערקלערונג וועגן גאָטס כונה, אַזוי ווי עס איז פאַרצייכנט אין דער ביבל?

ריכטער ראָטערפאָרדס ביכער

די האַרף פון גאָט, באַפרייאונג, באַשאַף, דאָס שלום־מאַכן, רעגירונג, לעבן, נבואה, ליכט (אין צוויי בענד), רעכטפאַרטיקונג און אַנדערע שריפטן, האָבן אין אַ קורצער צייט דערגרייכט דעם דערשטוינענדיקן פאַרשפרייט פון איבער 110 מיליאָן עקזעמפלאַרן.

דידאָזיקע ביכער וועמענס אויסזען וועט געגעבן אויף דער הילע פונם איצטיקן בוך, קאָסטן, אַלע צען צוזאַמען (פּאָרטאָ פריי) $2.50 אין דער ענגלישער שפּראַך, און $3.00 אין דער דייטשישער שפּראַך און אין אַנדערע שפּראַכן.

The Watch Tower, 117 Adams St., Brooklyn, N. Y.